And so they should, because **this artist is a professional** who has used her talent well and furthered it by sheer hard work and tenacity. Most of her learning was acquired at the Caulfield Institute of Technology and through her many years as a teacher of fine art at a number of colleges.

In spite of her proven ability as an artist, her way to achieve recognition has not been an easy one:—

Neither of her parents or grandparents had ever shown any particular flair for the fine arts (but her brother, artist HANS FRIEND has). Her mother played the piano, though not professionally; her father, Dr. (Phil) Eugen FREUND, taught mathematics and physics in the sleepy little town of OPPELN (OPOLE, Gorny Slask), the then capital of the province of Ober-Schlesien, Germany.

With the arrival of the Nazis, this comparatively happy set-up came to a quick and untimely end, for Marianne (and for tens of thousands of other Jewish teenagers) and life became a nightmare, apparently without hope and a future.

Somehow she managed to escape and eventually came to Melbourne:— And here, after her marriage to Aku, she again took up her art, constantly immersing herself in studies and in work, dividing her time between trying to be a wife, a mother, a student, and — eventually — a teacher.

For more than two decades she has taught innumerable girl students the finer points of art, while steadily improving her own technique.

It is only now — after her recent retirement from teaching at schools — that she can devote her apparently boundless energy into the many channels of her talent.

---

# JEWESS

Josie Stainsby

The wide sweep
of the sun-drenched beach
enclosed the two of them
my red-haired daughter
growing taller in her secret self
had spoken to the heart
of the ageing woman

SHE WORE NUMBERS ON HER ARM.

Her body was still young enough
to hold the juice of life
without conception
her breasts were full
and her round buttocks
high and proud
her hair
under a scarf
was dyed and set
carefully
it was the hands that held the eye
hands that were manicured
with blood-red nails
on fingers plaited
in endless anguish.

SHE WORE NUMBERS ON HER ARM.

Her voice was guttural
thick and heavy
with the accent and syntax
of the central European
but her words
held human history
her story was one
to hear with compassion
or try to escape
she spoke of her Jewish life.

SHE WORE NUMBERS ON HER ARM.

They were a large and happy family
growing up in Cracow
they thought themselves Polish
among these Poles
who fought on every frontier
trying to reach true nationhood
there was all the dancing and singing
of people caught
in the pincer grip of history
that would crush them
off the map of Europe
for her there was joy
and love and marriage
later a son was born
leaping from between her legs
thrusting out of her body
bringing even more joy
than the planting.

SHE WORE NUMBERS ON HER ARM.

Against the Nazi tanks
the Polish cavalry
in proud disdain
rode their horses
to a crushing death
for her Jewish husband
for her Jewish son
who had thought
that they were Poles
there was the final indignity
of cattle trucks
soap made from blocks of wood
and gas-spurting showers
she worked for the invaders
forced labour
in a munitions factory
her tenacity
kept her alive
through starvation
and beatings
on a body so emaciated
that arms and legs were sticks
and breasts
were long thin strings
the only medical treatment
was death
her eyes refused to dull
they betrayed endurance
blazing like priceless diamonds
from the destruction
that was her body
so she survived
was this Peace
no home no family?

SHE WORE NUMBERS ON HER ARM.

In a Belgian camp
for displaced persons
she met a man from Cracow
as a boy he had loved her
they married
and the slowed circle
turned again
another child
a daughter
this child in agonies of fear
knowing babies can be killed
here now was peace
migration to Australia
health wealth another son
but the final enemy stalked
death followed her
the new son
the darling boy
waits on the beach
full of cancer
and quiet desperation
playing with his son
trying not to look
at his young wife
both hiding
fear and terror.

SHE WORE NUMBERS ON HER ARM.

She spoke such words
people will love you
laugh and give joy
friends will be lost
tortured and destroyed
but the words of friends
will live in you
if they are friends
of the open heart
some people speak
with tongues of silk
and words that caress smoothly
beware the ripping
of such silken voices
tearing with empty words
to reveal nothing.

SHE WORE NUMBERS ON HER ARM.

She had to speak
to my young daughter
innocent of sorrow
who touched her heart
and brought her to teach me
I salute her courage
and fear to fail her.

Josie Stainsby's collection of poems "Love laughing among the trees" was recently published in the Longman Cheshire Modern Poets series.

---

## Household Shrine

Graeme Hetherington

As measureless as God's own dream
The Treasures you've brought to our room
Plants such as Dvil's Ivy, Wandering Jew
And Moses in the Cradle give

A home for dinosaurs and glyptodons.
A small crustacean pointed like a star
Whitens in a nest you found beneath a tree.
Twelve shells are calling children home across the sea.

טיטש פון א כאָר וואָס זינגט נאָר יידישע לידער (דער כאָר זינגט אויך העברעאישע און ענגלישע לידער. ש. ב.).

אגב די מיטגלידער פון כאָר — שרייבט ש. באַכראַך — זענען ווייט פון וועלכע נישט איז פּאָליטישע אָנשויאונגען. דער „הזמיר"־כאָר נעמט אָנטייל אין וויכטיקע אימפּרעזעס אין מעלבורן, געטאָ־אַקאַדעמיעס יום העצמאות פייערונגען, אויף טעלעוויזיע. דער כאָר זינגט דאַן העברעאישע לידער...

עס וואָלט געווען טשעקאַווע צו וויסן: זענען טאַטע־מאַמע פון דעם תכשיט־קאָנפעראַנסיע אויך געווען יידישיסטן, בונדיסטן — ווען זיי האָבן אים איינגעוויגט מיט יידישע לידער אין זיך וויגעלע?... מיט דעם פאַרענדיקט ש. באַכראַך זיך באַריכט.

בכלל האָט דער „הזמיר"־כאָר געהאַט א זייער גרויסן דערפאָלג אין ישראל. אויפגעטרעטן אין פאַרשידענע קיבוצים; קאָנצערטן אין ראַדיאָ און טעלעוויזיע.

★

ווער געדענקט דאָס נישט דעם אויסטראַלישן אַקטיאָר הייעס גאָרדאָן ווען ער איז אין מעלבורנער „מאַדזשעסטיק" טעאַטער אויפגעטראָטן אין דער הויפּט־ראָל פון „פידלער אויפן דאַך" אַלס טוביה דער מילכיקער? גלענצנד געשפּילט די ראָלע און האָט שטאַרק אויסגענומען ביים אויסטראַלישן פּובליקום. 2 יאָר איז דאָס טעאַטער געווען אויסגעפילט מיט באַזוכער. שפּעטער האָט ער די זעלבע ראָל געשפּילט אין סידנעי אַ לענגערע צייט, ביי פולגעפאַקטע זאַלן.

הייעס גאָרדאָן אַלס טוביה, האָט אַפילו איבערגעשטיגן דעם יידישן אַקטיאָר טאָפּאָל וועלכער האָט אויך געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג אין לאָנדאָן, ווו די פּיעסע איז געוויזן געוואָרן.

איצט ווער איך געוווירער, אַז דער זעלבער הייעס גאָרדאָן וועט ווידער אויפטרעטן אין דער זעלבער גלענצנדער ראָל, אין דער אָפּערע „פידלער אויפן דאַך" וואָס די אויסטראַלישע אָפּערע קאָמפּאַניע גרייט צו פאַרן צוקונפטיקן אָפּערע סעזאָן — אין מעלבורן און סידנעי.

די נייע אָפּערע „פידלער אויפן דאַך" ווערט איצט געגרייט פאַר ווינטער־סעזאָן פון יוני ביז סעפּטעמבער 1984. די פּיעסע איז אַדאַפּטירט געוואָרן פאַר קלאַסישע אָפּערעס אין אויסלאַנד און איז אויסגעפירט געוואָרן דורך אָפּערעס אין בערלין, עדינבורג, סקאָטלאַנד און ווין.

הייעס גאָרדאָן וועט שפּילן די הויפּט־ראָל, אין דער אויסטראַלישער אָפּערע. די באַרימטע אָפּערע זינגערין פּאַטרישאַ העמינגווי וועט אויספירן די ראָלע פון גאָלדען, טוביהס ווייב. עס ווערט דערוואַרט א גרויסער דערפאָלג פון דער דאָזיקער אָפּערע. אונדזער שלום עליכם האָט קיינמאָל נישט געחלומט אַז זיין „טוביה דער מילכיקער" וועט ווען נישט איז פאַרוואַנדלט ווערן אין אַן אָפּערע, און וועט מיט דערפאָלג אויפגעפירט ווערן אין בערלין, ווין, פּאַריז.

אַצינד אויך — אויפן פינפטן קאָנטינענט — מעלבורן און סידנעי.


# $555,555 מוזן מיר האָבן אין יאָר 1983

## כדי צו קענען דעקן די באַדערפעניש

### פון די נויט־באַדערפטיקע אין אונדזער שטאָט.



די אונטערשטיצונגס־פאָנדן זענען אויסגענוצט צוליב די גרויסע פאַרלאַנגען וועלכע קומען צו אונדז מצד פיל מענטשן אין דער יידישער געמיינדע.

אייער פאַרגרעסערטע באַשטייערונג פאַר דעם הייאָריקן אַפּיל וועט העלפן פאַרזיכערן די הילפס־אַרבעט וועלכע מיר טוען אין נאָמען פון דער יידישער באַפעלקערונג אין מעלבורן.

די באַשטייערונגען ווערן אַראָפּגערעכנט פון הכנסה־שטייער.

**WELFARE RELIEF APPEAL 1983**

דער ציל איז $555,555

Send your donation to the Honorary Treasurers

AUSTRALIAN JEWISH WELFARE & RELIEF SOCIETY

466 Punt Road, South Yarra 3141

# פאַרבייגייענדיק...

## קאַרל מאַרקס אין אַ „נאָבעלער" געזעלשאַפט ..

אין דער סוב־סטראַטאַ (אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקן) פון אויסטראַלישן פּאָליטישן לעבן שווּבלט און גריבלט מיט גרופּירונגען, סעקטעס, שפּליטער־גרופּן.

פּאָליטישע האָר־שפּאַלטעריי אין דער פאָרם פון דעבאַטן קומען פאָר צווישן טראָצקיסטן, קאָמוניסטן, סעפּעראַטיסטן (אויב עמיצער ווייס וואָס דאָס מיינט) טראָצקיסטישע אַרבעטער פּאַרטיי.

די אַלע גרופּירונגען זענען — ווי דער קענצייכן פון לינקיזם פאַרלאַנגט, אָנהענגער פון דער פּ.ל.אָ. (מיט — אָדער אָן אַראַפאַטן).

צו דעם געווימל קומען נאָך צו געוויסע נאַציאָנאַלע גרופּן פון אייראָפּעאישע אימיגראַנטן — מיט באַפרייערישע אַמביציעס פאַר זייערע היימלענדער. אויף וויפיל מען קאָן זיך אָריענטירן (אויב מען קאָן זיך איבערהויפּט אָריענטירן) ווילן זיי די קאָמוניסטישע רעזשימען אין זייערע לענדער פאַרבייטן מיט פאַשיסטישע.

צווישן זיי צייכנט זיך אויס די קראָאַטישע גרופּע, מיט חער אָרגאַניזאַציע „אוסטאַשי", וועלכע איז אין דער צייט פון חער צווייטער וועלט־מלחמה געוואָרן אָנגעפירט פון אַנטע פּאַוועליטש, און האָבן געשמאַק און טיכטיק מיטגעאַרבעט מיט די נאַציס פאַרן פּרייז פון אַ בלומרשט זעלבשטענדיקער קראָאַטיע.

וואָרשיינלעך האָבן די אַלע אולטראַ־לינקע און אולטראַ־רעכטע אַ געמיינזאַמען שטריך, מחמת די לינקע טראָצקיסטישע אַרבעטער פּאַרטיי האָט ארונטערגענומען אונטער אירע פליגל אַן אָפּשפּרונג פון דער „אוסטאַשי" — די קראָאַטישע באַוועגונג פאַר אייגענער מלוכהשאַפט, וועלכע ווילן אַראָפּוואַרפן די יוגאָסלאַווישע רעגירונג און פּראָקלאַמירן אַן אומאָפּהענגיקע קראָאַטיע.

אויף אַ סעמינאַר אין מעלבורן, צום אָנדענק פון 100 יאָר קאַרל מאַרקס, אָרגאַניזירט דורך דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער פּאַרטיי (טראָצקיסטן) אין חודש אַפּריל, אין הייליקן יום־טוב „איסטער", האָט אַ פאָרשטייער פון דער ה.ד.פּ. פאַרטיידיקט די „אוסטאַשי"־באַוועגונג און איר קאָלאַבאָראַציע מיט די נאַציס, באַהויפּטנדיק, אַז חער אוסטאַשי־פירער ד"ר אַנטע פּאַוועליטש איז געווען אַ פּאָזיטיווע נאַציאָנאַליסטישע פיגור, און ער איז געווען געצוווּנגען צו קאָלאַבאָרירן מיט די נאַציס, כדי צו אויפשטעלן אַן אומאָפּהענגיקע קראָאַטיע.

וועגן דעם סעמינאַר, אין וועלכן עס האָבן זיך באַטייליקט 760 דעלעגאַטן, דערציילט דער זשורנאַליסט דאַוויד הירסט אין דער צייטונג „אויסטראַליען" פון 12־טן יולי ה. י.

„דאָס מערקווירדיקע איבערשרייבן פון דער געשיכטע פאַלט זיך נישט אַמבעסטן צונויף מיטן פאַקט, אין ליכט פון דער אוסטאַשיס ענטוזיאַזם צו ליקווידירן יידן, ציגיינער און סערבן מיט אַזאַ אייפער, אַז אין איין פאַל איז די ס. ס. געווען געצוווּנגען פאַרנאַנדערצולאָזן די „שוואַרצע לעגיאָנען" פון די „אוסטאַשי".

דעם דאָזיקן פּונקט האָט אויפן סעמינאַר אויפגעהויבן יאַקוב בילאַנדער, אַן עלטערער ייד, וועלכער האָט געלעבט בשעת דער מלחמה אין מזרח־אייראָפּע. לויט די אַרויסזאָגונגען פון די אָבסערוואַטאָרן אויף דער קאָנפערענץ, האָט ער געהאַט גענוג פאַקטן צו דערווייזן דער אוסטאַשיס באַטייליקונג אין די שוידערלעכע פאַרברעכנס.

בילאַנדער האָט נאָכאַנאַנד אָנגעגריפן דעם פאָרזיצער פון דער קאָנפערענץ, און א סך פון די 760 רעגיסטרירטע דעלעגאַטן סאָציאַליסטן האָט מען מכבד געווען מיט א ספּעקטאַקל, ווען אַן עלטערער יידישער הער איז באַזייטיקט געוואָרן מיט כוח פון דער קאָנפערענץ צוליב דעם, ווייל ער האָט אַטאַקירט די „אוסטאַשי".

**עס בלייבט בלויז צו טרייסטן בילאַנדערן, אַז וואָלט קאַרל מאַרקס אַנטייל גענומען אין דער קאָנפערענץ וואָלט אים דערוואַרט דער זעלבער גורל...**

**מעם**

## ש. בענעט
# לאָקאַלע קאָמענטאַרן

אַ פאָלקס־ווערטל זאָגט, אַז „אַ נביא אין דער זעלבער שטאָט ווערט נישט אָנערקענט". דאָס איז אָנגעמאָסטן אויף אונדזער „הזמיר" כאָר וועלכער האָט גאַסטראָלירט אין מדינת ישראל ווו ער איז אויפגענומען געוואָרן מיט רעספּעקט און אָנערקענונג.

שלמה באַכראַך שרייבט אין די „לעצטע נייעס" תל־אביב, צווישן אַנדערע: „ווי באַוווּסט קומט איצט פאָר אין לאַנד די 13־טע „זמירה" צו וועלכע עס קומען כאָרן פון אַ סך לענדער, די מערהייט פון זיי זענען נישט־ ידישע. ריין יידישע כאָרן זענען געקומען נאָר צוויי. צווישן זיי „הזמיר"־כאָר פון מעלבורן, וועלכער איז היינט דער איינציקער וואָס זינגט יידישע לידער.

„די פאַבריקע וואָך האָט די עיריה (שטאָט־פאַרוואַלטונג) פון רמת־גן איינגעאָרדנט אין שטאָטישן פאַרק אַן עפנטלעכן קאָנצערט מיטן אָנטייל פון ישראלדיקע און אויסלענדישע כאָרן, צווישן זיי דער „הזמיר" פון מעלבורן.

דעם פאָרשטייער פון רמת־גנער שטאָט־ראָט, וואָס איז געווען קאָנפעראַנסיע פון קאָנצערט איז וואָרשיינלעך ניט געווען צום האַרצן דאָס וואָס דער כאָר פון אויסטראַליע וועט נאָר זינגען יידישע לידער. האָט ער ביים פּרעזענטירן דעם אויסטראַלישן כאָר אָנגעהויבן מיט פאָלגנדיקע ווערטער „און איצט וועט איר הערן דעם כאָר פון אויסטראַליע, וואָס וועט זינגען נאָר יידישע לידער, איך ווייס נישט צו זיי זענען יידישיסטן אָדער בונדיסטן"...

דאָס איז געזאָגט געוואָרן אין העברעאיש און ענגליש, וואָס סיי די ישראלים און סיי די אויסלענדישע געסט זענען געוואָרן איבערראַשט פונעם דאָזיקן אומגעלומפּערטן

אין כאַרקאָווער תפיסה. ווען ער איז אַרויס, האָבן אַלע זיינע פריינד זיך שוין געפונען אין סיבירער אַרבעטס־לאַגערן, פאַרשיקט אויף צענדליקער יאָרן.

דער צווייטער עפּיזאָד האָט צו טאָן מיט אַ טעלעפאָן.

„געוויסע" מענטשן האָבן אַ „געוויסן" טעלעפאָן, אַדאַנק וועלכן מען קאָן זיך פאַרבינדן מיט די אָנגעזעענסטע לייט אין קרעמל. פּראָפ. קאַפּיצאַ האָט געהאַט אַזאַ טעלעפאָן.

איין פרימאָרגן האָט די אָיפּרוימערין באַמערקט אויפן ביוראָ עפּעס גאָר אַ שיינעם טעלעפאָן, וואָס זי האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען. דערביי איז געלעגן אַ ליסטע מיט נומערן פון די סאַמע חשובסטע לייט.

זי האָט לאַנג נישט געטראַכט און אָנגערופן אַ נומער. ווען זי האָט געהערט ווי מען זאָגט: יאָ, ווער רעדט? איז זי באַלד אַרויס מיט איר טענה:

— זי איז אַ רוימערין. זי האָט אַ משפּחה מיט אַכט קינדער און וווינט אין איין צימער. מען האָט איר צוגעזאָגט אַ גרעסערע וווינונג, אָבער עס רירט זיך נישט פון אָרט.

— וויסטו מיט וועמען דו רעדסט? האָט מען געפרעגט.

— געוויס. מיטן פּרעזידענט, דעם חבר פּאָדגאָרני...

די פרוי האָט אינגיכן באַקומען אַ גרעסערע וווינונג. פּראָפ. קאַפּיצאַ האָט באַקומען אַ שאַרפן אויסרייד, ווייל אַזאַ טעלעפאָן דאַרף זיין פאַרשלאָסן אין אַן אייזערנער שאַפע.

אַדאַנק דעם טעלעפאָן טאַקע, האָט אָבעלס פרוי באַקומען דרינגענדע מעדיצינישע הילף אין מאָסקווע, וואָס איז אוממעגלעך געווען צו באַקומען אין כאַרקאָוו (ווו ער האָט דאַן געוווינט). די אינטערווענץ האָט אָפּגעראַטעוועט זיין פרויס לעבן.

★

אַדאַנק פּראָפ. מאַרק יאַקאָוולעוו אַזבעל האָבן מיר באַקומען אַ מאָנומענטאַל ווערק, וואָס גיט אַ קווערשניט פון לעבן און קאַמף פון אַ דור ייִדן, וועלכע זענען דערגאַנגען צו זייער ייִדישקייט דורך אַנדערע וועגן ווי מיר. במילא זענען זייערע טריטן און פאָדערונגען אַנדערע.

דער פאַרמעסט איז אָבער תמיד דער זעלבער: צווישן די כוחות פון גערעכטיקייט און פּראָגרעס — קעגן די כוחות פון רעאַקציע און בלינדער שינאה.

---

פאַרן אינהאַלט פון די אַרטיקלען
זענען פאַראַנטוואָרטלעך
די מחברים גופא.

---

מלך ראַדזינער

# א באַלאַדע פון וואגן

פאַראַן וואָגן פאַרשידענע,
קליינע, און גאָר גרויסע,
איין וואָג אָן אויסנאַם,
פון מענטשן די געקרוינטע!

וועגן גרויסע, וואָס קענען אָפּוועגן:
פעלזן, בערג, אויך שטיינער,
נאָר איך איינער איבער אייך,
אייער באַפעלער!

די וואָג די קליינע איז גאָר אַ באַשיידענע,
אַן אײדעלע, מיין יחוס האָט נישט יעדער איינער,
אויף מיר וועגט מען בריליאַנטענע שטיינער.

וואָס? דיך אויסצולאַכן: דו יחוס הקטן.
וויסטו דען נישט אַז בריליאַנטן שימערירן,
אויך פאַרפירן אין פינצטערע וועגן און
אויך דאָס מענטשלעכע דענקן און לעבן.

שאַ! שטיל זאָל זיין, די וואָג פונעם לעבן,
קומט צו גיין
מיט אַ דערהויבענעם ווערט. שוייגט און הערט!
וויסט דען ווער צו זאָגן וואָס איז לעבן?
יאָ, הערט זיך איין, אויף מיר וועגט מען ליידן,
און פיין, אויך טרערן וואָס שווייגן:
אַלע מעדיציַנען וואָס היילן דעם מענטש צו טרייסטן!

רואיק, און רעספּעקט!
מיט געמאָסטענע טריט, שטיל, שריט און שריט!
קיין מאָל פונעם לעבן מיד, אַלץ שפּראָצט און בליט!
מיט ליבע און אַ שמייכל איז געקומען — דער משקל השכל!

וואָס איז אַ וווּנדער, דאָס יעדער פון אייך
האַלט זיך באַזונדער, אייער רעשן און קלינגען,
וואָס, איר ווילט גאָר אַלץ אַליין איינשלינגען?

די וואָג פונעם שכל וועט אייך אויפקלערן,
און איך וועל אייך באַווייזן, אַז באַשאַף
איז ערלעך געבליבן — קיין הפקר! דעם שוואַכן
צו נאַרן, און באַרויבן, איר זייט נישט ווי פון זיך
אַליין געבוירן.

## מיין רוף

מענטש! זיי וואָר, מענטש, זיי וואַך!
די וואָג, וואָס כ'האָב פאַרטראַכט,
אַ חלום געווען צום וועגן
פאַר אמת און רעכט פאַר דעם מענטשנס לעבן,
מיט דער מתנה פונעם — משקל השכל!

אויף זיי האָבן. אַלע זענען זיי געווען אַריינגעצויגן אין פאַרמעסט מיט דער ק.ג.ב.

הגם יעדעס זייטל איז אָנגעפילט מיט דראַמאַטישע מאָמענטן, איז נויטיק זיך אָפּשטעלן אויף עטלעכע, וואָס זענען באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש פאַר די מיטלען מיט וועלכע די סאָוויעטישע מאַכט האָט זיך באַנוצט קעגן די „רעפיוזניקעס״.

די געפאַר האָט זיך דערנענטערט — שרייבט אַזבעל — עס איז שווער אויסצודריקן אונדזערע דערשלאָגענע געפילן, ווען אין אַ געוויסן אָוונט, ווען מיר האָבן זיך צוגעקוקט צו די נייעס, האָבן זיך אויפן עקראַן באַוויזן די פּנימער פון אונדזערע צוויי פריינד — וולאַדימיר סלעפּאַק און יאָסיף בעגון. דער נייעס־איבערגעבער האָט זיי אידענטיפיצירט ווי ציוניסטן, איינגעשטעלט דערויף צו צעשטערן די סאָוויעטישע מאַכט, און ווי שונאים פון פאָלק. („שונאים פון פאָלק״ איז נישט סתם אַ פאַראַלגעמיינערטע פאַראורטיילונג. דאָס איז אַ באַצייכענונג פאַר אַ ספּעציפישער קאַטעגאָריע פאַרברעכער, די סאַמע געפערלעכסטע. די סאַמע פאַרהאַסטע).

אַרטיקלען, אָנטפּלעקנדיק די פאַרברעכער, פאַרעטער האָבן זיך אָנגעהויבן באַוויזן אין דער פּרעסע. די דאָזיקע פאַרעטער ווילן נישט אויסוואַנדערן קיין ישראל, ווו זיי האָבן פאַקטיש נישט קיין משפחה, נאָר קיין אַמעריקע — ווו זיי ווילן מאַכן געלט. זיי גייט נישט אָן דעמאָקראַטיע, הומאַניזם אָדער אידעאַלן; זיי זענען איינפאַך ליגנערס.

נישט לאַנג נאָך דעם האָבן זיך אָנגעהויבן באַוויזן פאַרלוימדערישע, אַנטיסעמיטישע אַרטיקלען אין „סאַם־איזדאַט״ אַזוי גוט ווי אין די אָפיציעלע פּובליקאַציעס.

דאָס איז — היסטאָריש גענומען — אַ זייער חידושדיקער פענאָמען. די אונטערערדישע פּרעסע איז קיינמאָל נישט געווען אַנטיסעמיטיש. נישט אין די צאַרישע צייטן, און אויך נישט אין אונדזערע.

אַצינד זענען דערשינען אַזוינע שריפטן, ווי די פון עמיליאַנאָוו, וואָס איז געווען איינער פון די לעקטאָרן פון דער געזעלשאַפט „זנאַניע״ (וויסן — מ.א.) אין וועלכע ער קלערט אויף די ייִדישע אינטריגע, וועלכע שטרעבט צו באַהערשן די וועלט, ספּעציעל רוסלאַנד.

צווישן זיינע באַהויפּטונגען איז אויך געווען די דערקלערונג, אַז אַלע פירער פון אַמעריקע, דעם פּרעזידענט אַריינגערעכנט — זענען אָדער ייִדן, אָדער מאַסאָנען, וועלכע קריגן זייערע באַפעלן פון די ייִדן. זיין טעאָרעטישע פראַגע איז: ווער וועט איבערלעבן — ישראל אָדער רוסלאַנד? מחמת — זאָגט ער — די ציוניסטן פּלאַנירן צו צעשטערן רוסלאַנד פאַר דעם יאָר 2000״ (זייט 422).

אַזבעלס אַנאַליטישער מוח פאַרנעמט זיך נישט בלויז מיט זיין ספּעציאַליטעט: טעאָרעטישע פיזיק. (וועגן דעם געפינען מיר אַ סך אָרויסזאָגונגען אין בוך) נאָר אויך מיט אַנאַליזירן די רוסישע ליטעראַטור פון 19־טן י. ה. און דעם צוגאַנג פון רוסן ווי סאָלזשעניצין און אַנדערע שרייבער אויף דער עמיגראַציע (מיטן אויסנאַם פון סיניאַווסקין) וועלכע זענען „נאָך אַלץ געבליבן אין רוסלאַנד מיטן געדאַנק און מיט זייער גייסט״. דער אופן ווי עס טראַכט סאָלזשעניצין פאַלט זיך צענויף מיטן געדאַנקען־גאַנג פון די סאָוויעטישע הערשער — זיי פּרעטענדירן אין סך־הכל אויף — אַ טאָטאַליטאַרער מלוכה. דער אונטערשיד איז בלויז וואָס מענטשן ווי סאָלזשעניצין און שאַפאַרעוויטש און אַנדערע וואָס האָבן די זעלבע מיינונג — זענען ערלעך.

איך מיין אָבער, אַז אין זייערע דיסקוסיעס נעמען זיי נישט אין באַטראַכט די וועגן פון געשיכטע און פון ענדערונגען. זיי קענען עס נישט דערפאַר, ווייל אַלס רוסן האָט מען זיי ניט דערמעגלעכט צו האָבן וועלכע נישט־איז פּאָליטישע דערפאַרונג, אָדער באַטייליקן זיך אין אַ פריי, פּאָליטיש לעבן.

לאָמיר נישט פאַרגעסן: אין אָנהויב פון הײַנטיקן י. ה. זענען געוויסע קאָמוניסטן אויך געווען מענטשן פון ערע, דרייסטע און קרבנות־גרייטע. אָבער דער וועג צום גיהנום איז אויסגעפּלאַסטערט מיט גוטע כוונות״. (זייט 424).

*

צווישן די הויכע באַאַמטע פון סאָוויעטישן סיסטעם, וועלכער האָט זיך באַמיט צו באַווירקן אַזבעלן צו ענדערן זיין מיינונג, איז געווען סערגיי איוואַנאָוויטש גאַווריליאָוו — דער פאַרבינדונגס־אָפיציר צווישן דער ק.ג.ב. און דעם צענטראַלן קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. זיי האָבן געפירט לאַנגע געשפּרעכן.

אין זיין פאָרוואָרט צום בוך מאַכט פּראָפ. פרימאַן דייסאָן אַ פאַרגלייך מיט די דיאַלאָגן פון רובאַשאָוו — אַרטור קעסלערס העלד פון בוך „פינצטערניש אין מיטן טאָג״ מיט זיינע אויספאָרשער, און מיט מאַרק אַזבעלס דיאַלאָגן, אין דער זעלבער ק.ג.ב. און ער פרעגט:

פאַרוואָס האָט רובאַשאָוו פאַרשפּילט און אַזבעל האָט געוווּנען? קומט ער צום אויספיר: אַזבעל האָט געהאַט די אויבערהאַנט איבער זיינע שונאים, ווייל ער איז געווען גרייט צו שטאַרבן. זיי אָבער זענען נישט גרייט געווען אים צו טייטן״.

צוויי עפּיזאָדן, אפשר נישט גאָר קיין וויכטיקע, דערפאַר אָבער גענוג סימפּטאָמאַטישע פאַר דער סאָוויעטישער ווירקלעכקייט.

דער ערשטער עפּיזאָד (אויף זייט 85) האָט צו טאָן מיט די יאָרן 1939־1938. מאַסן אַרעסטן צווישן אינטעלעקטואַלן. אַ פּראָפעסאָר האָט געזען, ווי יעדן טאָג ווערט אַן אַנדער פון זיינע פריינד אַרעסטירט. אַ סאָוויעטישער בירגער קאָן זיך נישט איינפאַך אונטערטונקען אין דער מענטשן־מאַסע און פאַרשווינדן. אַלעמען האָט מען אויפן אויג.

אין פרימאָרגן איז ער אַרויף אויפן טראַמוויי און אָן שום העמונגען אַרויסגעצויגן דעם טייסטער פון זיין שכנס טאַש. מענטשן האָבן עס געזען. מען האָט גערופן פּאָליציי. אַרעסט און אַ געריכט. דער פּראָפעסאָר האָט זיך מודה געווען. דאָס געריכט האָט אים פאַרמשפּט אויף אַ יאָר טורמע — פאַר גנבה. ער איז זיין אורטייל אָפּגעזעסן



אויפן בילד (פון לינקס צו רעכטס):
פראפ. סאכאראוו, בנימין פיין, מארק אזבעל, בנימין לעוויטש, מיטן פלייצע: נאום ניימאן.

אנדרעי סיניאווסקי. א סטודענט, א יונגער פאעט, זייער א פריינד — כמעלניצקי — האט זיי דענונצירט.

עס האט זיך געהאנדלט וועגן זייערע ביכער, וועלכע זענען דערשינען אין אויסלאנד, אונטער פסעוודאנימען. סיניאווסקי (דער רוס) האט געהייסן: אבראם טערץ (צו אונדז איז דערגאנגען די ענגלישע איבערזעצונג פון זיין בוך וועגן סאוויעטישן לעבן „די אויספרווווּנג הויבט זיך אן") : יולי דאניעל (דער ייד) האט געהייסן ניקאליי ארשאק.

אזבעל, ווארשאנעל (דאס איז געווען איידער זיי האבן אנגעגעבן אויף ארויספאר וויזעס) האבן אנגעהויבן קלייבן אונטערשריפטן צווישן וויסנשאפטלער אויף א פעטיציע די צו באפרייען. זיי האבן געשריבן בריוו. זייער איינציקע סיבה איז געווען: יולי דאניעל איז געווען א נאענטער פריינד, און מען דארף העלפן א פריינד אין א נויט. אין די סאוויעטישע באדינגונגען האט ער געהייסן: דעם קאפ ארייננשטעקן דעם לייב אין מויל אריין. דאס ארייננמישן זיך אין דער פארטיידיקונג פון די שרייבער האט שפעטער אזבעלן געקאסט דער לענין־ארדער, וואס איז שוין געווען א גצזיכערטער.

ווי א באווייז, אז דאס בוך איז געשריבן אן ביטערקייט, קאן דינען די כאראקטעריסטיק, וועלכע אזבעל גיט וועגן כמעלניצקען.

אויפן צווייטן טאג פון דאניעל־סיניאווסקי פראצעס האט עדות געזאגט זייער געוועזענער פריינד כמעלניצקי. שרייבט אזבעל:

„און דאס איז אמאל געווען א רירעוודיקער, טאלאנטירטער מענטש, וואס וואלט אין יעדער אנשטענדיקער געזעלשאפט זיך נישט אנגעטראפן אויפן דרוק וואס האט אים פארוואנדלט אין א פחדן און אין אן אביעקט פון עקל. ער וואלט אפשר געווען א דערפאלגרייכער פאעט. ער איז געווען א טאלאנטירטער פאעט. ער איז אבער געבוירן געווארן אין דעם נישט ריכטיקן ארט. ער איז געווארן אפגעבריט ביים סאוויעטישן זויער־זאלץ (אסיד) פרווור" (זייט 202).

דאס בוך גיט אונדז אן ארייננבליק אין לעבן פון די סאוויעטישע וויסנשאפטלער. זייערע שטרעבונגען, דערגרייכונגען, פארבינדונגען און בכלל זייער טאג־טעגלעכע ארבעט און דעם רעספעקט פון דער פארטיי פון וועלכן זיי האבן גענאסן.

דאס בוך לייענט זיך ווי א שפאנענדער ראמאן, נאר אנשטאט אויסגעטראכטע העלדן און סיטואציעס, זענען דא לעבעדיקע מענטשן: מענער, פרויען און קינדער. יא, אזבעל האט זיך זייער געזארגט וועגן דער פסיכאלאגישער אויסווירקונג אויף די קינדער, וואס די כסדרדיקע ארעסטן, זוכונגען און די נאכאנאנדיקע שפאנונג האט געקאנט

## מ. אײזענבוד

# עפּאָפּײ פון העראָיזם

**MARK YA. AZBEL: "REFUSENIK — TRAPPED IN THE SOVIET UNION"**
HAMISH HAMILTON. LONDON 1982, 449 pp.

דער זיג פון מדינת ישראל אין דער 6־טאָגיקער מלחמה (1967) איז געוואָרן דער דינאַמישער כוח אונטערן דרוק פון וועלכן עס האָט גענומען פּלאַצן דאָס אײַז, אין וועלכן דאָס סאָוויעטישע ייִדנטום איז געווען אײַנגעפרוירן.

שוין נאָך דער טראַגישער דאַטע פון 12־טן אויגוסט 1952 — דער מאָרד איבער די ייִדישע שרײַבער, ייִדישע קולטור און יעדן סימן פון ייִדישן לעבן —

שוין נאָך סאָלזשעניצינס גולאַג אַנטפּלעקונגען — ווי די וועלט האָט דערזען די שפּיציקע, פאַרבלוטיקטע צאָנרעדער פון דער סאָוויעטישער יוסטיץ־מאַשין (אויב דאָס קאָן אָנגערופן ווערן — יוסטיץ).

שוין נאָך דעם אַלעם — האָט זיך באַוויזן אַ נײַער ייִדישער פענאָמען: דער ווילן צו זײַן ייִדן אויסער די גרענעצן פון רוסלאַנד.

עס האָט זיך אויפגעוועקט דער נאָך־רעוואָלוציע דור פון ייִדישע אינטעלעקטואַלן, אָן צו קענען די ייִדישע שפּראַך; אָן צו קענען העברעיש; דערצויגן ווי אַטעאיסטן — און עס האָט זיך אָנגעצונדן דער ייִדישע פונק און דער ווילן צו לעבן צווישן ייִדן און דערציען קינדער — ווי ייִדן.

אַ כאַראַקטעריסטישער טיפּ פון די דאָזיקע ייִדן — איז מאַרק יאַקאָוולעוו אַזבעל. געבוירן אין כאַרקאָוו, אין יאָר 1932. זײַנע עלטערן — הגם דאָקטוירים, האָבן געאַרבעט שווער און געלעבט אין אָרעמקייט, איבערגעלעבט די מלחמה אין סיביר און זיך צוריקגעקערט אין זײַן היימשטאָט — כאַרקאָוו. אַ פעאיקער בחור, מיט אַ נייגונג צו פיזיק (און אַ שאַרפן חוש פאַר אָבסערוואַציע) איז ער אין עלטער פון 32 יאָר — נאָך אַן איבעררייס פון 12 יאָר — געווען דער ערשטער ייִד וואָס איז אַקצעפּטירט געוואָרן אין מאָסקווער פיזיק־טעכנישן אינסטיטוט. דאָרט האָט ער אַנטוויקלט זײַן אידיי פון „עלעקטראָן טעאָריע פון מעטאַלן". געווען מיטאַרבעטער און נאָענט באַפרײַנדעט מיט די גרעסטע סאָוויעטישע וויסנשאַפטלער ווי פּראָפ. לאַנדאַו און קאַפּיצאַ. אין זײַנע פאָרש־אַרבעטן פון טעאָרעטישער פיזיק — האָט ער געהאַט פולע פרײַהייט. געווען נאָמינירט פאַר אַ לענין־אָרדער און זיך גערעכנט צווישן דער פּריווילעגירטער, וויסנשאַפטלעראַליטע פון ראַטנפאַרבאַנד. ער האָב אָבער געזען, וואָס אונטן קומט פאָר. די באַציאונג צו ייִדישע סטודענטן; דאָס נישט צולאָזן זיי צו אַנטוויקלען זייערע פעאיקייטן, אָן צוטריט צו די ספּעציעלע אינסטיטוטן.

אין יאָר 1972 האָט ער באַשלאָסן אָנגעבן אויף אַן אַרויספאָר דערלויבעניש קיין ישראל.

מיטאַמאָל האָט זיך זײַן גאַנץ לעבן איבערגעקערט. פון אינסטיטוט האָט מען אים געצוווּנגען צו רעזיגנירן, אײדער ער האָט אָנגעגעבן זײַן ביטע. זײַנע פאָרש־אַרבעטן האָט ער נישט געקאָנט פאַרעפנטלעכן אין לאַנד, און מיט גאָר גרויסע שוועריקייטן — אין אויסלאַנד, אָבער שוין אָן דער אויטאָריטעט פון פּרעסטיזשפולן אינסטיטוט.

זײַן ביטע האָט מען אָפּגעוואָרפן. ער ווערט אײנער פון די אָנפירער פון די „רעפיוזניקעס" און זײַן קאַמפצײַט זיך גאַנצע 5 יאָר (באַשריבן אויף 500 זײַטן).

אין בוך אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז אַ טראַגיש בילד פון העראָישע מענטשן, וועלכע קעמפן מיט אַלע כוחות קעגן סיסטעם. שאַראַנסקי; וולאַדימיר סלעפּאַק; אידאַ נודל האָבן דעם קאַמף פאַרשפּילט. זײַן נאָענטסטער פרײַנד — וויקטאָר בראַילאָווסקי האָט שוין געהאַט די אַרויספאָרוויזע, זי אָפּגעלייגט און צום סוף האָט מען אים פאַרשיקט.

בלויז אַ קלײנער טייל פון די באַדײַטנדע וויסנשאַפטלער (דאָס רוב פיזיקער און מאַטעמאַטיקער) ווי סאַשאַ וואָראָנעל, בנימין פיין, מאַרק אַזבעל און נאָך אײניקע — האָבן דערגרייכט די פרײַהייט.

פינף יאָר האָבן אַזבעל, וואָראָנעל און בראַילאָווסקי געפירט אומלעגאַל, אין פּריוואַטע וווינונגען אַ וויסנשאַפטלעכן סעמינאַר, כדי צו דערהאַלטן און פאַרטיפן די דערוואָרבענע קענטעגישן. אויף זייער אײַנלאַדונג, האָבן זיך אין סעמינאַר באַטייליקט אויסלענדישע וויסנשאַפטלער, אין אַן אויסטויש פון אידייען. (אין בוך זענען דאָ פאָטאָגראַפיעס פון סעמינאַר, מיטן טאָוול וואָס איז פול מיט וויסנשאַפטלעכע פאָרמולן און אויסטײַטשונגען).

מאַרק אַזבעל — צוזאַמען מיט סאַשאַ וואָראָנעל און דאַן אַליין — האָט רעדאַגירט און אַרויסגעגעבן אין „סאַמאיזדאַט" דעם זשורנאַל: „ייִדן אין ראַטנפאַרבאַנד", וווּ זיי האָבן אָנגעגעבן די נעמען פון די אַרויסגעבער און דעם אַדרעס פון רעדאַקציע.

אין משך פון דער צײַט האָט די גרופּע „רעפיוזניקעס" אָרגאַניזירט אַ הונגער־שטרייק, וואָס האָט געדויערט 15 טעג. די „רעפיוזניקעס" האָבן זיך פאַרזאַמלט אין אײן וווינונג, דעם 10־טן יוני 1973, און שוין האָט מען אין דער פרייער וועלט געוווּסט וועגן דעם הונגער־שטרייק. עס האָבן זיך אָנגעהויבן פּראָטעסטן פון די באַרימטסטע וויסנשאַפטלער אין מערב.

אין שטרייק האָבן אָנטייל גענומען: מאַרק אַזבעל, סאַשאַ וואָראָנעל; וויקטאָר בראַילאָווסקי; גונטס — אַ קאָמפּיוטער־וויסנשאַפטלער; דאַן ראַגינסקי — אַ פיזיקער אויפן געביט פון הויכער שפּאַנונג (ענערגיע); אַנאַטאָלי ליבגאָבער — אַ מאַטעמאַטיקער; פּראָפ. משה גיטערמאַן.

די מאַכט האָט גענוצט אַלע מעגלעכע מיטלען צו ברעכן דעם שטרייק. אָבער דאָס זענען שוין נישט געווען סטאַלינס צײַטן. די ק.ג.ב. האָט זיך געמוזט האַלטן אין געוויסע לעגאַלע ראַמען. איבערהויפּט ווען תמיד האָבן אָנערקענטע און געאַכטעטע אויסלענדישע פיזיקער זיי באַזוכט.

ווען אַזבעל איז נאָך געווען „אין די פּעדערן" האָט פּאַסירט דער אַרעסט פון די שרײַבער יולי דאַניעל און

משה קנאַפּהייס

# פראַנץ קאַפקאַ־לעגענדע

## דער גראָער קאַפקאַ־פויגל

דער גרויער קאַפקאַ־פויגל פליט און פלאַטערט גראָ
אַרום בײַם קבר זײַנעם אויפן ראַנד בית־עולם —
אַן אומגעזעענער אין לעגענדאַרן פּראָג
ווו קאַפקאַ מיט זײַן חלום ליגן טיף פאַרהוילן.

פראַנץ קאַפקאַ שלאָפט זײַן קבר־שלאָף דורך נאַכט און טאָג
שוין אויסגעלייזט פון מעלאַנכאָלישע געהוילן.
דער מידבר־ווינט האָט אים געטון אַ הייב, אַ טראָג
אַוועק אין כישוף־שלאָס ווו ס׳וואַיען הויל די גרוילן.

אַ האַלב פאַרגעסענעם שוין און אַ האַלב געשענדטן
די גורל־האַנט האָט אים, דעם וואָרעם־פּרינץ, באַצייטנס
דעם קאַפקאַ־גייסט אַן אויפגעלעבטן, נישט פאַרברענטן

אַרויסגעצויגן גאַנץ פון ברענענדיקן שײַטער.
זײַן רום און נאָמען שטײַגן הויך דורך קאָנטינענטן...
און די לעגענדע פון פראַנץ קאַפקאַ וועבט זיך ווײַטער.

## האָסט קאַפקאַ געלעבט...

האָסט קאַפקאַ געלעבט אין דער שטאָט פון מהר״ל
און איך קום אַרויס פונעם וואַרשעווער געטאָ.
איך מיש אויף צוריק די געשיכטלעכע בלעטער
און כ׳זע דיך דערהויבן בײַם ראַנד פון פאַרפאַל.

פון טײַנקירך אין פּראָג האָסט געפויזעט, געקלעטערט
אַוועק ביזן ייִדישן פּירטל פאַטאַל.
פאַרנומען די גוואַלדן, געסווישטש און געקנאַל
פון ייִדן־הריגה אין געטאָצײַט שפּעטער.

דער דײַטש האָט געברענט דײַנע ווערק אויפן שײַטער
און מיך האָט ער פאַרויס פאַרמישפּט צום טויט.
ס׳שרײַט לײַוויק: — איך גיי אַוועק ווײַטער! נו, שרײַט ער.

דו, קאַפקאַ, ביסט דעמאָלט געווען פאַרויס רײַטער
מיט פלאַמפאַן צעפלאַטערט דורך פײַער און רויך
און ס׳וועבט זיך די קאַפקאַ־לעגענדע אַלץ ווײַטער.

## אַ וואָרעם — אַ גיגאַנט

געווען האָסט זיך אַ וואָרעם אַ גיגאַנט
וואָס שלײַכט זיך, פויזעט, קריכט אויף אַלע פיר.
די שרעק איז גרויס אין דיר ביז זינפאַרליר...
אַזוי האָט ס׳דײַטשל אויך געזען דיך, פראַנץ,

אי דיך אי אַלע ייִדן שוין בײַם ראַנד
ווען מ׳האָט זיי צום פאַרגאַזעווען געפירט.
דו האָסט עס, אַ פאַרוואַנדלטער, דערשפּירט
אין וואָרעם־פעלע פאַרווינקלט בײַ דער וואַנט.

און אומבאַהאָלפן האָסט געזען ווי ס׳שפּאַנט
אין גאַס די גורל־שעה פון רויב און טויט.
דו ליגסט געפאַנגען אין דײַן וואָרעם־הויט.

דו צאַפּלסט זיך אין קראַמפן, אַנגסט און נויט.
די וואָרענונג־סיגנאַלן גליִען רויט
און די לעגענדע פירט דיך בײַ דער האַנט.

י. מ. לעווין

# מאַריאָנעטן־שפּיל

ס׳האָט דער אַלטער מאַריאָנעטן מייסטער
אויסגעשטאָפּט קוקלעס צוויי.
מיט מענער שטאָלץ אָנגעפילט דעם ער,
און די זי — מיט לוסט צו שפּילערײַ.

צאַפּלען יאָרנלאַנג די שטריקעלעך,
די הענטעלעך און פיסעלעך,
די קעפּעלעך די ברעקעלעך
פולע יאָדערדיקע ניסעלעך.

מיט לוסט — געצאַפּלט האָט די זי באַזונדער,
מיט טרוימען — איז דער ער זײַן וועג געגאַנגען.
אַזוי פון ווען געווען נאָך קינדער
ביז ס׳האָט די שפּיל בײַדן געפאַנגען.

אין אַ גאָרטן ווו ס׳אָטעמט רו —
איז אַ צאַפּל־רגע וואָס רייצט און וועקט
צאַרט און דופּטיק פול מיט אומרו,
שטיל געקומען און שטיל אוועק.

דערנאָך האָט ווידער אַ שטריקל־צי
אויף פרעמדע וועגן זיי צעשפּרייט;
מיט אַ זיפץ האָט ער, מיט אַ לאַך האָט זי
מיט דער רגע גליק זיך צעשיידט.

און נאָך אַ מאָל האָט די צוזיפגעפירט
די אַלץ געדעקנדיקע מייסטער־האַנט;
די צאַפּל־רגע פון אַמאָל געוואָרן נישט באַרירט —
ניט ער, ניט זי, האָבן זיך אין איר דערמאָנט.

אידעאלאגיע פון די „לינע”, און אין דעם פרט איז נישט געשען קיין פונדאמענטאלע ענדערונג.

פון פינצטערניש צו ליכט, א ליטעראטור, וואס דערבארעמט זיך איבערן מענטשן (ארחם את המענטש), א ליטעראטור וואס איז דורכגעדרונגען מיטן געראנגל קעגן עוולה און קעגן רשעות, ווי דערקלערט מען דאס, לייגט זיך עס אויפן שכל אז ס׳איז געווען א יש מאין, אז אויפן באדן, אויף דעם מיסט, פון פארגרעבטקייט, חושכקייט און הינטערשטעליקייט, האט מיט אמאל אויפגעבליט א וווּנדערלעכע ליטעראטור וואס איז געווען דורכגעשטראלט מיט אהבת המענטש, מיט די לויטערסטע עטישע ווערטן און וויזיעס? די ווירקלעכקייט איז אז די יידישע ליטעראטור איז געווען מסוגל צו דעם מחמת זי האט געשעפט פון דעם ברונעם פון דער גייסטיקער טראדיציע אין יידישער עקזיסטענץ אין שטעטל. ס׳איז באשיימפערלעך, אז ס׳איז געווען א ריס אין דעם געוועב פון יידישן לעבן. ס׳איז אומפארמיידלעך אין דער געשיכטע פון א פאלק; א ריס יא, אבער נישט קיין גוואלד־ריס, און אויף וויפל עס איז געווען א גוואלדריס איז עס נישט געווען אין דעם געמיט פון די קלאסיקערס.

נאט איז גאלדבערגס סך־הכל וועגן דעם „אומגליקלעכןשטעטל: „מענדעלע לאכט עס אויס, שלום עליכם פארמשפט עס, פרץ באדויערט עס, בערגעלסאן באוויזט דעם שטעטלס „אפגאנג”, איטשע־מאיר ווייסנבערג באוויזט די קלאסן־צעטיילונג, שלום אש פרווט עס ראטעווען דורך אידעאליזאציע... און דער יונגער איזי כאריק, מיט מער ווי א דור שפעטער, טענהט נאך אלץ: „ווי לאנג איז דער שיעור זיך בעטן: שטעטעלע פארגיי”. פון מענדעלען ביז כאריקן איז משמעות געווען איין שווארצער קאשמאר, דאס יידישע שטעטל, און פטור ווערן פון דעם איז געווען די שליחות פון דער יידישער ליטעראטור, און שנאת השטעטל האט זיך געדארפט פארן מיט אהבת המענטש. הלמאי ווי שטימט עס מיט גאלדבערגס הומאניזם?

דער ענטפער איז דא אין דעם פיינפולן, טראגישן, משונהדיקן געבעט: „שטעטעלע פארגיי”. דאס איז נישט אזוי געווען א געבעט, ווי ס׳איז געווען א געבאט אין דער אמתער פינצטערניש — נישט די אויסגעמוטשעטע אין שטעטל — ווען די יידיש־סאוויעטישע ליטעראטור, אייבערהויפט די קריטיק, האט געמוזט מארשירן אין שפאן מיט דער סטאליניסטישער דיקטאטור און פארדרייען און פארלוימדן אלצדינג וואס האט געהאט אין זיך דעם מינדעסטן חשש פון טראדיציע, פון א יידיש לעבן מיטן זיי און מיט דער פרייד, מיט די קריוודעס און מיט די מאראלישע מידות. ווי א רעזולטאט האט שנאת השטעטל פארטונקלט און אויפגעפרעסן אהבת המענטש, און דער פשט פון ווייסנבערגס „קלאסן־צעטיילונג” מישטיינס געזאגט, אנגעמאסטן אויף יידיש לעבן, איז געווען א ברוטאלע פיינטשאפט צום כלומרשטדיקן גביר, און אין נאמען פון „אידעאלאגיע” (ריכטיקער, מיטאלאגיע, באבע־מעשיות) האט מען פארקרימט די קלאסיקערס, בפרט שלום־עליכמען ווי איינער וואס האט אפגעשפאט און אויסגעחוזקט אין אט־דער „קלאסן־צעטיילונג” דעם גביר, דעם לופטמענטש, דעם קלאס וואס האט „עקספלואטירט”, און מען האט פארמאסקירט זיין אידעלן שמייכל מיט א מיאוסער גרימאסע, און זיין צארט־לירישע איראניע האט מען פארדעקט מיט סמ׳איקער סאטירע, און ס׳איז געווען א קאריקאטור פון שלום־עליכמען.

גאלדבערגס עסייען וועגן די קלאסיקערס און די אנדערע, זענען נישט אוועקצומאכן מיט דער האנט. ס׳מערקט זיך, אז דער מחבר איז א מענטש פון הויכער קולטור, פון מחשבה, אז ער איז פון די סאמע בעגאבסטע אין דער יידיש־„וועלטלעכער” סביבה, אבער דאס זענען נישט די קלאסיקערס פון אונדזער ליטעראטור טראדיציע און איך בין מסופק צי פרץ און שלום־עליכם וואלטן זיך דערקאנט אין דעם שפיגל פון די עסייען... אוודאי נישט דער ליכטיקער שלום עליכם, וואס האט אנגערירט מיט זיין צוויבער־שטעקעלע כתריאלעווקע און — פון אונטער דער גרויקייט און ארעמקייט — האט ארויסגעבלישטשעט איר אינעווייניקסטע שיינקייט און, נישט קוקנדיק אויף די עוולות וואס זענען געווען, אירע גאולה־בענקשאפטן.

גאלדבערג ציטירט צוויי שורות פון מאנגערס א ליד, וואס ס׳איז פאראן אין זיי דער אראמאט פון הייליקייט:

כ׳בין דער נביא, וואס האט פארלוירן
דאס ווארט פון גאט אויפן וועג צו אייך”.

וואס וואס, אין שטעטל, אינעם יידיש לעבן וואס איז געווען, איז דאס ווארט פון גאט נאך נישט מקוים געווארן, אבער ס׳איז נישט פארלוירן געווארן. אין אן אנדער ארט, אין אן אנדער צייט, איז דאס ווארט פון גאט פארלוירן געווארן און דאס רוצחישע ווארט פון א פאלשן נביא האט אויף אלעמען אנגעווארפן א פחד. אין א וויטן לאנד, מעבר לים האט מען זיך געכאפט צו שפעט, אז ס׳איז געווען א רוצחיש ווארט. דארף מען זיך באפרייען פונעם גאנצן ווארט, פון זיין יעדן אפקלאנג און פון זיין יעדן אות.

## „קדימה”־ביבליאטעק

### נייע יידישע ביכער

צאנין, מ. — דער ירדן פאלט אריין אין ים המלח.

רום, רבקה — בריינדעלעס קינדער־יארן, נאוועלע.

סאפאזשניקאוו גרשון — יצחק יאנאסאוויטש: דער פיל־זשאנערדיקער שרייבער.

ראם, מנוחה — שטיינער.

שארגאל, יעקב צבי — קוואלן ארום געצעלט.

אליצקי, מ. — לידער פון פריער און פון איצט.

מיכון, דן — דער אימאזש פון שטעטל: דריי ליטערארישע שטודיעס.

בלומענטאל, נחמן — ווערטער און ווערטלעך פון דער חורבן־תקופה.

קורלאנד, לייב — א שמאלע בריק.

סאפאזשניקאוו, גרשון — יצחק באשעוויס־זינגער: דער קינסטלער פון זינד און תשובה.

גאלדבערג, איטשע — עסייען.

צווישן זיינע אַרכיטעקטן, און ס'איז אַ מצווה מצד גאָלדבערגן וואָס ער האָט זיך באַמיט מען זאָל זיי נישט פאַרגעסן: דריטנס, מרמר און מייזיל, וועגן זשיטלאָווסקין איז דאָך אָפּגערעדט. האָבן געהאַט דערגרייכונגען איידער זייער קרובהשאַפט מיטן איקוף, און מרמר און מייזיל אויך באַכדעם, און ס'איז גאָר נישט קיין עוולה וואָס גאָלדבערג האָט געגעבן אַ גרינטלעכן חשבון פון זייער ליטעראַרישן צושטייער. און אויך דאָ איז אייגנטלעך די פּאַסיקע פראַגע: פון וואָס פאַר אַ קוק־ווינקל האָט ער געמאַכט דעם חשבון?

גאָר וואָגיקע און עיקרדיקע אַרבעטן זענען דאָ אין דריטן און פערטן טייל, אַרבעטן וואָס זענען כולל אין זיך חריפות און אַריינבליק, אַנטקעגן דעם הינטערגרונט פון היסטאָרישער פּערספּעקטיוו, צום ביישפּיל: „דאָס נאַציאָנאַלע פּנים פון די ערשטע אַרבעטער־פּאָעטן אין אַמעריקע" און „וועגן דעם נאַציאָנאַלן מהות פון דער יידישער ליטעראַטור אין סאָוועטן־פאַרבאַנד". בנוגע די אַמעריקאַנער אַרבעטער־פּאָעטן אָדער סאָציאַלע דיכטערס לאָזט זיך דינגען צי מען האָט זיי יאָ אָדער נישט פאַרשוויגן אין אונדזער קריטיק (מען האָט אפשר פאַרשוויגן אָדער דערמאָנט כלאחר־יד נ. ב. מינקאָווס מאָנומענטאַלן ווערק אין דריי בענד „פּיאָנערן פון יידישער פּאָעזיע אין אַמעריקע"). וואָס עס איז ממש אומפאַרגעבלעך איז אָט־דאָס וואָס אין דער אַנטאָלאָגיע פון יידישער פּאָעזיע אין ענגלישער איבערזעצונג, רעדאַקטירט פון אליעזר גרינבערג און אירווינג האַו, פעלן עדעלשטאַט, באָוושאָווער, ווינטשעווסקי און ליעסין, און מאָריס ראָזענפעלד איז פאַרטראָטן מיט פינף לידער. גאָלדבערגס עסיי מיט די מעלות און חסרונות, איז אַ חסד, נישט בלויז אַ ליטעראַרישער, נאָר אויך אַן עטישער אַקט פון גנאָד. ווי־זוויל דאָס איז חל אויף די סאָציאַלע דיכטערס אין אַמעריקע, דאַרף מען עס כפלען עטלעכע מאָל וואָס שייך די אָפּהאַנדלונגען וועגן דער יידישער ליטעראַטור אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

אין די ווייטערדיקע חלקים קערט ער זיך אום צו אַ צאָל „לינקע" שרייבערס, וואָס אויך זיי זענען רוי צו אַן אָרט אין דעם היכל פון דער יידישער ליטעראַטור: זישע ווינפּער, בער גרין, כאַווער פּאַווער (מיט זיינע פיינע קינדער־מעשיות), ל. מילער, אהרן מייזעל (אַ טאַלאַנטפולער דערציילער וואָס איז געשטאָרבן זייער יונג, פונקט ווען ער האָט געהאַלטן ביים דערהייבן זיך צו זיין פולער רייפקייט). צווישן די אַרבעטן איז דאָ אַן עסיי וועגן מאַנגערן, און דאָ אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז גאָלדבערגס אוממיטלבאַרע ליבשאַפט פאַר ליטעראַטור, פאַר פּאָעזיע. עס איז דער קרוין־עסיי אין בוך, און ווי וווּנדערלעך ס'איז: גרויסקייט רעגט אָן צו גרויסקייט, שיינקייט ציגט אָן שיינקייט; דער עסיי איז נישט קיין עכאָ פון מאַנגערס מוזיק און נישט קיין אָפּקלאַנג פון מאַנגערס בילדערישקייט, אָבער ס'איז געווען מאַנגערס מוזיק און שיינקייט וואָס האָבן גורם געווען אָט־אָ־דעם קרוין־עסיי.

(אינעם לעצטן טייל איז דאָ אַ פּאָלעמישער אַרטיקל: יצחק באַשעוויס־זינגער און די יידישע ליטעראַטור).

— 2 —

איך האָב באַצייכנט די שרייבערס וואָס האָבן זיך גרופּירט אַרום דעם איקוף און דעם רוב פון די וואָס האָבן זיך געדרוקט אין „יידישע קולטור" מיטן וואָרט „לינקע". כ'האָב דערביי נישט געהאַט קיין קריגערישע כוונות, און לכל־הדעות נישט קיין ביזוויליקייט, אַז איך בין פּאָרטיק געוואָרן מיט גאָלדבערגס בוך איז פאַר מיר אויף־דאָס־ניי קלאָר געוואָרן אַז ער איז דער פּיאָניקער און ראַיעלער פאַרשפּרעכער פון אַן אָרגאַניזאַציע און פון שרייבערס וואָס פאַרמאָגן אַן אייגענע שיטה וועגן יידישער קולטור און יידישן קיום און אַז די באַגריפן טראַדיציע, פאָלק, נאַציאָנאַל, פּראָגרעסיוו האָבן עס פאַר זיי אַ באַזונדערן און באַשטימטן מיין, וואָס כאַראַקטעריזירט די „לינקע".

גאָלדבערג באַטאָנט — און חזרט עס איבער גאָר אָפט — דעם מאָטיוו פון אהבת המענטש, ליבשאַפט צום מענטשן, און דעם מאָטיוו פון רחמים פאַרן ליידנדיקן און באַעוולטן אין דער יידישער ליטעראַטור, און איך בין בטוח אַז ער איז אויפריכטיק, אַז עס איז פון האַרצן. פונדעסטוועגן רימט ער די יידישע ליטעראַטור, בפרט די קלאַסיקערס, פאַר זייער מוטיקן פּראָוו, דורך זייערע ווערק, אויסצוראָטן דאָס שטעטל מיט דער הינטערשטעליקייט, פאַרגרעבטקייט און רשעות וואָס האָבן, ווערדליק זיין ווערסיע פון די קלאַסיקערס, איינגעהילט דאָס שטעטל אין פינצטערניש. ער איז אונדז מודיע: „די מאָדערנע יידישע ליטעראַטור, בעיקר די קלאַסיקערס... האָבן געגעבן אויסדרוק .. צו דעם אייניציק־מיגיקן אופן אונדזערן פון דורכרייסן זיך מחושך לאורה — פון דער פינצטערניש צו ליכט". און ער באַשטעטיקט אַז „עס איז געווען אַ באַוווּסטזיניקער פּראָצעס פון אויפבויען, אויפשטעלן דעם גלויבן אין זיך ביי אַ פאָלקסמאַסע, וואָס מען האָט זי אין משך פון דורות פאַרגרעבט, אַנטמענטשלעכט, פאַרגוואַלדיקט, פאַרפאַלגט". ער באַקרעפטיקט עס אָט־אַזוי: „עס איז געווען אַ פאָלק וואָס האָט באַדאַרפט אַרויסגיין פון יאָרהונדערטער פון חושכטקייט און הינטערשטעליקייט".

איבער דאָס איז געווען דער אינהאַלט און דאָס איכות פון יידישער עקזיסטענץ אין די יאָרהונדערטער פאַר די קלאַסיקערס, פאַר מענדעלען, אַזוי ווי זשע ספּראַוועט מען זיך מיטן ווילנער גאון, מיטן בעל־שם־טוב און דעם בראַצלאַווער, און אין ניינצעטן יאָרהונדערט, פון איין זייט, מיט דער השכלה, און פון דער צווייטער זייט, מיט דער עטישער פּאַרטיפּטקייט פון ר' ישראל סאַלאַנטערס מוסר־לערע. קיינער וועט נישט לייקענען, אַז ס'איז פאַראַן אַ טראָפּן אמת — און אפשר מער ווי אַ טראָפּן — אין דעם וואָס גאָלדבערג דערציילט אונדז, אָבער אַ טראָפּן, אָדער טויזנט טראָפּנס, זענען נישט קיין ים. און אונדזער פאָלק, אָדער לויט זיין טערמינאָלאָגיע, אונדזער פאָלקס־מאַסע, האָט זיך נישט געוואַלגערט — ביז דער תקופה פון די קלאַסיקערס — אין אַ ים פון געדיכטער פינצטערניש. גאָלדבערגס טעות שטאַמט פון דעם וואָס ער פאַרביט געשיכטע אויף אידעאָלאָגיע, און ס'איז די

## ד״ר עזריאל נאַקס

# ליטעראַרישע עסייען

איטשע גאָלדבערג. איקוף־פאַרלאַג, ניו־יאָרק 1961. 431 זייטן.

— 1 —

איטשע גאָלדבערג איז דער רעדאַקטאָר פון „ידישע קולטור״, וואָס ווערט אַרויסגעגעבן פון איקוף (ידישער קולטור פאַרבאַנד), און ער איז אייגנטלעך זיין אינטעלעקטועלער מורה־דרך. ער איז דער מחבר פון ביכער און טעקסטן אין שייכות מיט וועלטלעכער ידישער דערציאונג, מיט אַ „לינקער״ אָריענטאַציע. זיין גרויסע ליבשאַפט איז אָבער תמיד געווען די ידישע ליטעראַטור, און דאָס איצטיקע ווערק „עסייען״, וואָלט מיט רעכט געמעגט הייסן „ליטעראַרישע עסייען״, מחמת די טעמעס זענען דורכאויס ליטעראַרישע. די עסייען זענען דערשינען במשך די לעצטע פופצן יאָר אין „ידישע קולטור״, און האָבן געהאַט גרויס אָנזען אין די „לינקע״ קרייזן, און טיילווייז אויך אין דער אַלגעמיינער ידיש־ידישער סביבה.

ס'איז גוט וואָס די זענען איינגעזאַמלט געוואָרן אין אַן איינהייטלעך ווערק, וואָרעם צי מען איז גענייגט יאָ אָדער נישט מסכים צו זיין מיט דער סאָציאַל־פילאָסאָפישער אָריענטאַציע וואָס שפירט זיך אין די עסייען, אין דער אָפּשאַצונג פון ווערק און שרייבערס, און בכלל אין דער אויפפאַסונג פון דער ידישער ליטעראַטור — ווי עס זאָל נישט זיין, קאָן מען נישט צווייפלען אַז די עסייען פאַרמאָגן אַן עצמדיקן ווערט און פאַרדינען אַז מען זאָל זיי ערנסט באַטראַכטן. צו דעם דאַרף מען מוסיף זיין אַז זיין ידיש איז ציכטיק און עלעגאַנט, רייך אין סינאָנימען, פאַראַן אַ צאָל שטעלן וואָס זענען אַפילו לומדיש, און די עסייען לייענען זיך גרינג און מיט הנאה, נישט ווייל עס פעלט סובטעלקייט פון מחשבה, נאָר מחמת דער געדאַנק איז קלאָר און פרעציז, מיט ליריש־פּאָעטישע ניואַנסן.

דער פאַרנעם פון דעם ווערק איז אַן אימפּאָזאַנטער, די קאַנווע איז אַ ברייטע, ווי עס איז די טבע ביי אונדזערע קריטיקערס הייבט ער אָן מיט די קלאַסיקערס — מענדעלע, פּרץ, שלום־עליכם. און ס'איז בסדר: פאַראַן אין דעם אַ שכל. כדי עס זאָל זיין טאַלק און תכלית אין זייער בילד פון דער ידישער ליטעראַטור מוזן די קריטיקערס און היסטאָריקערס ווי אַ פאַרבאַדינג מושווה ווערן מיט די קלאַסיקערס, וואָרעם זיי האָבן געפורעמט דעם מהות פון דער ידישער ליטעראַטור, האָבן געשליפן די אידעע וואָס באַהעלט זי, האָבן משפיע געווען אויף זייערע בני־דור און אויף די ווייטערדיקע שרייבערס.

די אָפּהאַנדלונגען וועגן די קלאַסיקערס זענען ווי אַ פּראָלאָג און זענען אויך אין דער בחינה פון אַ טעאָרעטישער הנחה אָדער לפחות אַן אָנווינק, אַ רמז, אויף גאָלדבערגס אויסטייטשונג פון דער ראָלע און פונקציע פון דער ידישער ליטעראַטור אין דער ראַם פון ידישן קיום און אין דעם סכום פון ידישע ווערטן. אין די עסייען איז אויך פאַרוויקלט דער אופן ווי אַזוי ער באַנוצט זיך מיט אַזעלכע באַגריפן און קאַטעגאָריעס ווי נאַציאָנאַל, טראַדיציע, המשכ'דיקייט.

נו, אַוודאי, דער פירוש אויף אַזעלכע באַגריפן וועט נישט זיין אַקוראַט דער זעלבער אין דער רעליגיעזער מחנה ווי ביי די „וועלטלעכע״, און אויך ביי זיי — די רעליגיעזע און די „וועלטלעכע״ זענען פאַראַן שאַטירונגען — און בכן וועט עס זיין אי אינטערעסאַנט און אי וויכטיק געוואויר צו ווערן וואָס פאַר אַ טעם און באַטייט אָט־די קאַטעגאָריעס האָבן אין איטשע גאָלדבערגס ליטעראַרישער און ידישער השקפה.

דער איבערגאַנג פון דעם ערשטן טייל, די קלאַסיקערס, צום צווייטן טייל, וווּ ער איז זיך מתעסק מיט חיים זשיטלאָווסקי, נחמן מייזיל און קלמן מרמר, שיינט צו זיין, לויטן ערשטן איינדרוק, אַ היפּשער און פּלוצעמדיקער. מיט דער אויסנאַם פון חיים זשיטלאָווסקי איז דער שפּרונג אַ צו געוואַגטער — פון פּרצן צו מרמרן פון שלום עליכמען צו נחמן מייזיל. מיר דוכט זיך אָבער אַז ס'איז כשורה, אַז ס'איז געהעריק. ערשטנס, איז זיין ווערק נישט אויסן צו שילדערן די גאַנצע ידישע ליטעראַטור, און ס'איז נישט געווען זיין אויפגאַבע; צווייטנס, האָבן קלמן מרמר (ער רופט אים „דער תנא פון מישאַגאַלע״), נחמן מייזיל, זישע ווינפּער (אין אַ שפּעטערדיקן עסיי), זוכה געווען צו אַן אויבנאָן אין די קרייזן פון איקוף, זענען געווען

---

— אויסער מיט סקולפּטור — אויך געווען פאַרבונדן מיט ספּאָרט, מיטן לעגענדאַרן ווינער „הכוח״.

אין יאָר 1968, האָט דער וועלט־פאַרבאַנד פון „מכבי״ באַשטעלט ביי אים אַ סקולפּטור, וועלכע דולדיק האָט אויפגעשטעלט אין תל־אביב. דאָס איז אַ מאָנומענט צום אָנדענק פון ספּאָרטלער און פרייען.

דולדיק האָט די סקולפּטור אָנגערופן „באַגינען״. פון אַש הויבט זיך אויף די נייע האָפענונג.

אין דעם בוך־קאַטאַלאָג געפינען מיר אַ זייער וואַרעמען און האַרציקן אָנערקענונגס־בריוו פון ענגלישן שרייבער און קונסט־קריטיקער ראָבערט פיין, מיט וועלכן דולדיק האָט זיך באַקענט אין סינגאַפּור. (ראָבערט פיין איז אַגב, מיט אַ קורצער צייט צוריק געשטאָרבן).

אַ וויכטיקער סטימול און דערמוטיקונג אין זיין אַרבעט אין די לעצטע יאָרן, איז זיין טאָכטער עווע, מחמת דולדיקס לעבנס־באַגלייטערין (איר מיידלשער נאָמען איז געווען סלאַווע האָראָוויטש) אַליין אַ קינסטלערין, איז געשטאָרבן אין יאָר 1975.

ווינטשן מיר דעם מעלבורנער ידישן קינסטלער מיט אַן אינטערנאַציאָנאַלער רעפּוטאַציע — קאַרל דולדיק — אריכת ימים.

מ. אײזענבוד

# קאַרל דולדיק – דער אײגנאַרטיקער סקולפּטאָר

דער לעבנס־וועג פֿון קאַרל דולדיק — ווי דער וועג פֿון ייִדישע קינסטלער, וויסנשאַפֿטלער, שרײַבער, וועלכע האָבן זייער וויסן און טאַלאַנטן פֿאַרבונדן מיט דער קולטור־סביבה פֿון מערב־אייראָפּע — איז נישט געווען קיין גראַדליניקער.

אויפֿן שוועל פֿון ברייטער אָנערקענונג ווי אַ סקולפּטאָר מיט אַן אייגענעם אויסדרוק, מצד קונסט־מבֿינים און קונסט־פּראָפֿעסאָרן — האָט קאַרל דולדיק מיט זײַן משפּחה געמוזט פֿאַרלאָזן עסטרייך, וואָס איז אָנגעשלאָסן געוואָרן צו נאַצי־דײַטשלאַנד.

פֿון יענער צײַט איז פֿאַרבליבן אין זשורנאַל „עסטרײַכישע קונסט" פֿון יאַנואַר 1934 דאָס בילד פֿון דער סטאַטוע „דער טרוים" (די סטאַטוע אַליין איז פֿאַרלוירן געגאַנגען). דאָרט געפֿינט זיך אויך די אָפּשאַצונג וועגן דער קינסטלערישער מדרגה, וועלכע דולדיק האָט דערגרייכט.

אַביטוריענט פֿון דער ווינער קונסט־אַקאַדעמיע, האָט קאַרל דולדיק געפֿונען זײַן אייגענעם אויסדרוק אין די פֿאַרשידענע מעגלעכקייטן און מאַטעריאַלן, וועלכע די סקולפּטור־קונסט באַט אָן, ווי שטיין, מאַרמאָר, האָלץ, בראָנדז און ליים.

זײַן וואַנדער־וועג האָט זיך געצויגן איבער שווייץ, סינגאַפּור. ווידעראַמאָל געמוזט פֿאַרלאָזן צוליב דעם יאַפּאַנישן אָנגריף און די לעצטע סטאַציע — אויסטראַליע. אָבער דאָ האָט דער גורל אָפּגעטאָן אַ שפּיצל: דער נעכטיקער נאַצי־פֿאַרפֿאָלגטער ווערט אינטערנירט אין לאַגער טאַטוראַ ווי אַ פֿיינטלעכער עלעמענט.

אין אַלע באַדינגונגען, נישט געקוקט אויף דער שווערער סיטואַציע — האָט דולדיק נישט אויפֿגעהערט צו אַנטוויקלען זײַן לעבנס־אידעאַל — סקולפּטור.

אין דער לעצטער אויסגאַבע וועגן קאַרל דולדיקס סקולפּטורן און צייכענונגען, וועלכע נעמען אַרום 60 יאָר קינסטלערישע שעפֿערישקייט (1922־1982) געפֿינען מיר נישט נאָר אייניקע בילדער פֿון זײַנע מייסטערווערק, מיר געפֿינען אויך דעם אויסדרוק פֿון זײַן אויפֿפֿאַסונג וועגן דער ראָל פֿון קונסט אין צווישנמענטשלעכע באַציאונגען.

(מען דאַרף פֿאַרצייכענען: אין יאָר 1966 איז דערשינען אַ בוך וועגן קאַרל דולדיק און זײַנע סקולפּטורן פֿון פּאַמעלאַ ראַסקין, מיט אַ פֿאָרוואָרט פֿונעם דירעקטאָר פֿון מעלבורנער קונסט־גאַלעריע, וועסטברוק).

אין דער איצטיקער אויסגאַבע געפֿינען זיך אַ גאַנצע ריי אָפּשאַצונגען וועגן דולדיקס ווערק פֿון באַדײַטנדע קונסט־קריטיקער. זיי שטרייכן אונטער דעם אייגנאַרטיקן אופֿן וואָס דולדיק באַנוצט כּדי צו קאָמוניקירן זײַנע אידייען.



„דער טרוים"
האָלץ — 190 צ"מ

שפּאַצירט מען אין דולדיקס הויז, דעם גאָרטן און די אַטעליע, וווּ ער אַרבעט נאָך ביז הײַנט, און וווּ מען קאָן זען אַ טייל פֿון זײַנע שאַפֿונגען, ווערט מען אויפֿמערקזאַם אויפֿן הויפּטשטריך, וועלכן ס'דריקן אויס פֿאַרשידענע פֿיגורן.

דאָס איז ליבע, פֿרײַנדשאַפֿט. אַרומגענומען זאַלבעצווייט, נישט אין עראָטישער גלוסטונג, נאָר אין צאַרטער געפֿילפֿולקייט און מענטשלעכער צוגעבונדנקייט צו אײנאַנדער.

מען פֿילט, אַז דעם וואָגלער פֿון לאַנד צו לאַנד גייט נאָך די בענקשאַפֿט פֿון האַלטן דער פֿאַמיליע צוזאַמען, אַרומגענומען, צוגעטוליעט.

מען פֿילט — צוליב מורא פֿון פֿאַרלירן דײַנע נאָענטסטע, פֿאַראייביקט ער זײַנע געפֿילן פֿון אומצערײַסבאַרקייט אין בראָנדז.

אַ שטאַרקע ווירקונג האָט געהאַט אויף דולדיקן דער ייִדישער חורבן, און דעריבער זענען די אַרבעטן, וואָס זענען פֿאַרבונדן מיטן חורבן דורכגעדרונגען מיט יראת הכּבֿוד און טיפֿן צער.

אין דער יוגנט איז קאַרל דולדיק

קונסט. עס איז געווען די גרענעץ, ווי ווייט דער קינסטלער קאָן זיך דערלויבן.

מסתמא עס איז נישט קיין צופאַל, וואָס עס איז געווען אַזוי און נישט אַנדערש, ווייל עס איז אויך נישט קיין צופאַל וואָס די אַנטוויקלונג פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט האָט אָנגענומען די פאָרמען וועלכע מיר קענען און נישט קיין אַנדערע. געווירקט אויף דעם האָבן די פּאָטענציעלע מעגלעכקייטן אין דעם מענטש גופא, פּלוס די אויסערלעכע באַדינגונגען אין וועלכע ער לעבט, און אין וועלכע די געזעלשאַפט האָט זיך אַנטוויקלט.

מענטשן — דער מין אין דער וועלט פון פלאַנץ און בעל־חי וואָס האָט דערגרייכט די העכסטע פאָרם פון ביאָלאָגישער אַנטוויקלונג, זענען באַשאָנקען מיט אַ באַוווסטזיין. מיט אונדזערע פינף חושים — די זעלבע וועלכע עס פאַרמאָגן חיות, אָבער וויניקער פילבאַרע און וויניקער אַקטיווע, ווייל מיר דאַרפן זיך נישט שטיצן אויף זיי אין דער פיזישער דערהאַלטונג פון אונדזער עקזיסטענץ. מיט די דאָזיקע חושים זעען מיר, הערן, פילן, טאַפּן און פילן דעם געשמאַק פון אַלץ, וואָס רינגלט אונדז אַרום. דורך די חושים ווערט דער איינדרוק פון אַלע דרויסנדיקע זאַכן איבערגעשיקט צו אונדזער באַוווסטזיין, וווּ עס ווערט רעגיסטרירט. דאָס — ווי אַזוי מיר באַנעמען די זאַכן, וועלכע רינגלען אונדז אַרום, איז פאַר אונדז וויכטיק; לויט אונדזער באַנעמונג אַרבעטן מיר זיך אויס, אַ פאָרשטעלונג פון דער דרויסנדיקער וועלט. פאַרשטייט זיך מיט ניואַנסן פון איין מענטשלעכן כאַראַקטער צום אַנדערן, אָבער אין תוך איז די פאָרשטעלונג גאַנץ איינהייטלעך. די חיה שטיצט זיך פולקאָם אויף אירע חושים. פאַר אונדז שפּילט די פאָרשטעלונג אַ קאַרדינאַלע ראָל.

דערפאַר האָט עראָטיק אין איר רויער פאָרם נישט געקענט באַפרידיקן די פאָרשטעלונג פון מענטש. מיר האָבן געמוזט געבן אַ העכערן זין דער ליבע, כדי צו געבן אַן עסטעטישן גענוס אונדזער באַוווסטזיין און אָנגעמען מאַטעריאַל פאַר אונדזער פאָרשטעלונג, האָט מען די ליבע ראָמאַנטיזירט.

נאָך דעם ווי אַ סך מענטשלעכע אידעאַלן האָבן אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט זיך צוזאַמענגעבראָכן, איז געקומען אַן אַנטוישונג אין אידעאַליזם בכלל. מען האָט זיך דאַן געוואָנדן אין דער ריכטונג פון רעאַליזם. דער דאָזיקער איז געקומען שטאַרק צום אויסדרוק אין דער קונסט. קיין שום געביט איז נישט געשוינט געוואָרן און אויך די אידיי פון ראָמאַנטישער ליבע איז דאָ געפאַלן אַלס קרבן. מען האָט גענומען פאָרצושטעלן סעקס אַזוי ווי עס איז, אין דער פאָרם פון עראָטיק, ווי אַ פיזישע באַפרידיקונג.

דאָס פאַרבאָטענע לאָקט, און דער נייער שטראָם אין דער קונסט האָט אַ גרויסן דערפאָלג. ביי קינסטלער איז געוואָרן אַ געיעג: וואָס מיר פּערוועדס, וואָס מער שאָקירנדיק פאָרצושטעלן עראָטיק, אין דער ליטעראַטור ווי אין דער פּלאַסטישער קונסט.

דאָס איז וואַרשיינלעך נישט מער ווי אַן איבערגעטרייבענער אופן פון רעאַגירן אויף דעם לאַנג־הערשנדיקן טאַבו צו באַהאַנדלען אָפן די דאָזיקע טעמע. די סעקסועלע פאַרהעלטענישן צווישן ביידע געשלעכטער ווערן נאָך אַלץ, טראָץ דעם נייעם סטאַטוס פון דער פרוי אין דער מערב־געזעלשאַפט, דאָמינירט, אויף דער פלאַך פון אונדזער באַוווסטזיין, דורך די געפילן פון ליבע. די קונסט וועט דאָס נישט קענען איגנאָרירן. וואַרשיינלעך וועט נישט זיין מער קיין צוריקקער צו דער צייט ווען עראָטיק און אַלץ וואָס איז מיט דעם פאַרבונדן, זאָל זיך צוריק אָנהויבן צו פאַרנעמען מיט ראָמאַנטישער ליבע אין דער פּלאַסטישער קונסט, ווי אין דער ליטעראַטור. די דאָזיקע טעמע, פּונקט ווי אַלע אַנדערע טעמעס, וועט אָבער באַהאַנדלט ווערן אויף אַ רעאַליסטיש, עסטעטישן אופן. דאָס איבערגעטריבענע אונטערשטרייכן פון סעקס וועט מוזן פאַרשווינדן. עראָטיק וועט פאַרנעמען דאָס געהעריקע אָרט אין דער קונסט־פּראָפּאָרציאָנעל צו דעם אָרט וואָס עס פאַרנעמט פּאַקטיש אין מענטשלעכן לעבן.

## אַני פיין / גוטע אורחים

**זיי קומען און קומען,**
**די גוטע אורחים,**
**און לאָזן הינטער זיך**
**צענדליקער זאַכן איבער:**
**אַ רעמל, אַ קעמל, אַ צאַפּל פון פינגער,**
**אַ מעטריקע פון פאַרשאָטענע גריבער.**
**זיי קומען דורך פאַרריגלטע טירן,**
**זיצן, קוקן און גייען אַוועק**
**אָן אַ וואָרט צו זאָגן,**
**נאָך זיי בלייבט אין שפּיגל אַ שמייכל —**
**אַ פּערטעלע עפּל:**
**איין שפּיץ — פרייד, איין שפּיץ — שרעק.**
**איך שמייכל דעם שמייכל,**
**זיי אַליין קאָן איך ניט דעריאָגן.**

**וואָס זיי ברענגען**
**ווערט מיינס.**
**וואָס זיי נעמען —**
**איז מיר ניט קלאָר.**
**איך רוף זיי מיט די צאַרטסטע נעמען,**
**זייער רשימה ווערט לענגער**
**פון יאָר צו יאָר.**

**איך זוך אין שאָטנס**
**אַן אָדערל פרייד,**
**איך מאַך שטילקייטן איבער**
**אין רייד.**

י. קאַפּע

# סימבאָליזם און סעקס אין ליטעראַטור

דאָס זענען צווי באַזונדערע טעמעס, און אַזוי וועל איך זיי באַהאַנדלען. דער איינציקער שייכות צווישן זיי איז אפשר נאָר דער פאַקט, וואָס ביידע ווערן מיסברויכט, און צופיל עקספּלואַטירט צוליב פאַרשידענע צוועקן, דער עיקר גלויב איך, צוליב קאָמערציעלע.

סימבאַליזם איז נאָענט צו אַלעגאָריע, אָבער עס איז נישט דאָס זעלבע. אַלעגאָריע האָט אַן ענלעכקייט צו אַ מעשהלע, און מען האָט זיך מיט דער פאָרם באַנוצט אין דער ליטעראַטור אין פריערדיקע צייטן, וואַרשיינלעך כדי צו מאַכן פאַרשטענדלעך זאַכן וועלכע דער נישט־געלערנ־טער מענטש וואָלט אַנדערש נישט פאַרשטאַנען. אין דער מאָדערנער צייט האָט מען זיך מיט דער פאָרם באַנוצט אין טאָטאַליטאַרע רעזשימען, ווי צ. ב. אין צאַרישן רוס־לאַנד, כדי צו שרייבן וועגן זאַכן וועלכע וואָלטן אין אַן אַנדער פאָרם נישט אַדורך די צענזור.

אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט האָט סימבאַליזם אָנ־געהויבן פאַרנעמען אַן אָנגעזעענעם אָרט אין דער מאָדערנער ליטעראַטור. עס וואָלט אפשר געווען ריכטיק צו זאָגן, אַז סימבאַליזם אין דער היינטיקער צייט שפּילט אַן ענלעכע ראָל ווי אַלעגאָריע האָט געשפּילט אין דער פאַרגאַנגענ־הייט. קען זיין, אַז דורך סימבאַליזם קענען מיר פאַרשטיין און באַגריפן בעסער זאַכן, וועלכע מיר וואָלטן אויף אַן אַנדער אופן נישט געקענט אַזוי גוט באַנעמען; קען אויך זיין, אַז סימבאַליזם העלפט דעם קינסטלער צו גרייכן טיפער און אויסדריקן דאָס, וואָס ער וואָלט נישט געקענט טאָן מיט קאָנווענציאָנעלע ליטעראַרישע מיטלען. אַלס ביישפּילן קענען דינען די ווערק פון קאַפקאַ און עליאַס קאַנעטי. סיי אין קאַפקאַס „משפט" ווי אין קאַנעטיס „אוי־טאָ ד'אַפע" קומען אַרויס שטריכן אין מענטשלעכער נאַטור, וועלכע האָבן מעגלעך געמאַכט די מערדערישע היטלער־תקופה.

דאָך איז סימבאַליזם נישט שטענדיק גוט. לעצטנס איז עס געוואָרן אַ פראַגע פון מאָדע. כדי מיטצוגיין מיט דער צייט און זיך פאָפּולער — באַנוצט מען זיך מיט דעם מיטל אויף טריט און שריט. זייער אָפט טרעפט מען אַן סימבאַליזם אין ליטעראַטור, און בפרט אין מאָלעריי, וואָס האָט נישט קיין באַרעכטיקונג און זאָגט גאָרנישט.

אַ סימבאָל, אַן און פאַר זיך, האָט ניט קיין אייגענע באַ־דייטונג: ער קען נאָר פאַרטרעטן אַן אָביעקט, אַ אידיי, אַ באַגריף. דורך ענלעכקייט, אָדער שייכות דאַרף ער געבן אַן אָנונג וועגן דעם וואָס ער פאַרטרעט אָדער אויף וואָס ער דייט אָן. דער סימבאָל דאַרף אונדז העלפן באַנעמען, מיט דער הילף פון אונדזער שכל, פאַרשטעלונגס קראַפט, אָדער דורך אונדזערע געפילן, דאָס צו וואָס ער איז באַ־שטימט געוואָרן, וואָס ער דאַרף באַדייטן. דער קינסטלער וואָס נוצט סימבאָליזם מוז אָבער נישט אַלעמאָל האָבן פאַר זיך דאָס גענויע בילד פון דעם, וואָס ער וויל דורך דעם סימבאָל אויסדריקן, ער מוז אָבער לכל־הפחות עס פילן אין זיך. ווען סימבאָליזם ווערט אונדז דערלאַנגט לשם סימבאָליזם, דערפאַר ווייל דאָס איז אַ גאַנגבאַר אַרטיקל; ווען אַ קינסטלער, אָדער איינער וואָס וויל אַנגיין פאַר אַזעלכן, ברענגט עפּעס בכיוון אין אַ פאַרקריפּלטער פאָרם, אָן שום טיפערער באַדייטונג, נאָר כדי עס זאָל אויסזען סימבאָליש, דאַן איז עס מער נישט קיין קונסט נאָר אַ טעכניק, באַנוצט אָן שום באַרעכטיקונג אָדער נויטווענ־דיקייט.

אָפט קענען מענטשן גאָרנישט געפינען אונטער גע־וויסע סימבאָלן, מורא האָבנדיק אָבער אַרויסצוווייזן זיך אַלס שלעכטע אָפּגעשטאַנענע אָפּנעמער פון קונסט — שעמען זיי זיך מודה צו זיין אין דעם. אין דער אמתן איז דאָרט אפשר גאָרנישט געווען וואָס צו געפינען. במילא איז דער סימבאָלישער „טריק" אָנגענומען געוואָרן ווי עכטע קונסט.

## סעקס אין דער קונסט

סעקס אין ליטעראַטור, ווי בכלל אין קונסט, איז לעצטנס אויך געוואָרן אַ זייער גאַנגבאַר אַרטיקל, דאָס אָפענע באַהאַנדלען פון סעקסואַליטעט איז געקומען אין די לעצטע פאָר צענדליק יאָרן ווי אַ רעאַקציע צו אַ לאַנ־גער עפּאָכע פון פאַרשוויגן דאָס דאָזיקע געביט, הגם עס האָט שטענדיק פאַרנומען (און וועט תמיד פאַרנעמען) אַ צענטראַל אָרט אין לעבן פון מענטשן. דאַקעגן ראָמאַנטישע ליבע, וועלכע איז אַ פּראָדוקט פון סעקס, איז אין משך פון הונדערטער יאָרן געווען די הויפּט־טעמע אין דער

---

שטראָם האָט מען היפּש אָפּגעפילט אין די פּאַרטייאישע ווי די אַדמיניסטראַטיווע קרייזן, הגם אָנפירנדיקע יידן האָבן זיך געמאַכט נישט זעענדיק.

(אין יענער צייט האָט אסתר פרומקין געבעטן בוכאַ־רינען צו האַלטן אַ רעדע — קעגן אַנטיסעמיטיזם — אויך דאָס איז געווען איינע פון די באַשולדיקונגען קעגן איר).

דער 12טער אויגוסט 1952 איז געווען די טראַגישע וואָרנונג — אַז פאַר יידן אין סאָוויעט־רוסלאַנד איז נישטאָ קיין צוקונפט נישט נאָר ווי יידן, נאָר אפילו ווי אַסימי־לירטע סאָוויעטישע בירגער פון יידישער אָפּשטאַמונג.

קלינגען די נעמען: מאַרקיש, פעפער, בערגעלסאָן, דער נסתר (כהנאָוויטש), האָפשטיין, מיכאָעלס, זוסקין, כאַריק, ערִיק, קולבאַק, אַקסעלראָד — ווי סימבאָלן פון אַ רציחה איבער אַ פאָלק פון וועלכן מען האָט אָפּגעהאַקט דעם גייסטיקן קאָפּ.

זיי זענען אַלע אומגעבראַכט געוואָרן — ווער פריער, ווער שפּעטער צוליב איין און איינציקער סיבה:

זיי זענען געווען יידן.

מאַרק ב.

# 12־טער אויגוסט 1952

אין יאָר 1934 איז קיין מעלבורן אָנגעקומען פון סאָוויעט־רוסלאַנד אַ פּלאַקאַט, צוגעשיקט פון דער אַטעאיסטישער געזעלשאַפט (בעזבאָזשנאַיע אָבשעסטוואָ), וואָס האָט פאָרגעשטעלט אַ פּראַוואָסלאַווונעם פּאָפּ, וועלכער וואַרפט גאָלדענע רענדלעך און אַ ייִדן — אָנגעטאָן אין טלית און תפילין, וואָס קריכט אויף אַלע פיר און קלייבט די רענדלעך צענויף.

וואָס פאַר אַ שייכות דאָס האָט מיט אַטעאיזם — דעם סוד האָט מען בלויז געוווּסט אין מאָסקווע, אַז דאָס איז אָבער בפירושער אַנטיסעמיטיזם — דאָס איז געווען קלאָר פאַר יעדן.

דער מעלבורנער ייִד טשאַרלי איזען — דער וואָס האָט דעם פּלאַקאַט געדאַרפט אַרויסהענגען אין דער פענצטער־צייטונג פון „געזערד" — האָט עס אויך אַזוי פאַרשטאַנען, און דעריבער האָט ער אָפּגעזאָגט דעם פּלאַקאַט אויפצוהענגען.

זיינע ייִדישע חברים האָבן געהאַלטן, אַז אַלץ וואָס קומט פון מאָסקווע דאַרף מען אַקצעפּטירן אָן שום באַוואָרענישן.

היות טשאַרלי איזען האָט זיך פאַרט פאַרעקשנט — האָבן זיינע חברים אים אויסגעשלאָסן פון דער אויסטראַלישער קאָמוניסטישער פאַרטיי, צוליב טראָצקיסטישן אָפּאָרטוניזם.

פאַר די וואָס האָבן נאָכגעפאָלגט די אַנטוויקלונג פון דער ליניע אין באַצוג צו ייִדן אין משך פון אַלע יאָרן, זינט דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש — פאַר די איז דער מאָרד פון די ייִדישע שרייבער, קינסטלער און קולטור־טוער — דעם 12טן אויגוסט 1952 נישט געווען קיין איבעראַשונג, נאָר דער קאָנסעקווענטער סך־הכל פון אַ לאַנג־טערמיניקן פּראָיעקט.

ווי נאָר סטאַלין האָט זיך פאַרפעסטיקט אין פאַרטייאישן זאָטל, האָט דער תלין באַלד גענומען שלייפן די האַק.

די נויטווענדיקייט פאַר איר — דער מאָמענט האָט נישט געלאָזט לאַנג אויף זיך וואַרטן.

שוין די מאָסקווער פּראָצעסן (וועלכע אידייאישע באַציאונג מען זאָל נישט האָבן צו די באָלשעוויסטישע פירער) קען מען אָבער היינט נישט פאַרבייגיין דעם פאַקט — אַז כמעט אַלע צום טויט פאַראורטיילטע — זענען געווען ייִדן.

אויסער דער „ריי" זענען דאָן אומגעבראַכט געוואָרן די ייִדישע קאָמוניסטישע משגיחים אסתר פרומקין און משה ליטוואַקאָוו. דער מיטגליד פון ווייסרוסישן צ.ק. — איזי כאַריק (אַ פיינער ייִדישער פּאָעט), אַ גאַנצע ריי פירער פון „געזערד" און מיטן זעלבן ראַזמאַך — מאַקס עריק, משה קולבאַק.

די צווייטע וועלט־מלחמה האָט געצווּנגען אָפּלייגן דעם פּראָיעקט פון לייזן דער „ייִדן־פּראַגע".

אָבער אָפּזאָגן זיך פון דער אידיי: אומברענגען צוערשט די ייִדישע קולטור, די ייִדישע אינטעליגענץ (דער דאָקטוירים־פּראָצעס; אינזשיניערן־פּראָצעס אין כאַבאַראָווסק) און דאַן פאַרטרייבן די ייִדן הינטער די הרי חושך — פון דער אידיי האָט זיך די אָנפירערשאַפט פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי נישט אָפּגעזאָגט.

מיר שטרייכן אונטער: קאָמוניסטישע פאַרטיי — און נישט דווקא סטאַלין. לעבט ער דאָך שוין נישט 30 יאָר, אָבער זיינע דרכים און אָנווייזונגען לגבי ייִדן ווערן אָפּגעהיט מיט פאַנאַטישער פּינקטלעכקייט.

די ייִדן אין סאָוויעט־רוסלאַנד זענען נאָך אַלץ די קרבנות פון אַנטיסעמיטישער העצע און האַנדלונגען.

גוט מיינענדיקע מענטשן פאָדערן היינט אין איין אָטעם: אַרויסלאָזן די ייִדן פון סאָוויעט־רוסלאַנד און גלייכצייטיק דערמעגלעכן די ייִדן וואָס בלייבן איבער — די מעגלעכקייט ווי עס האָבן אַנדערע פעלקער — זיך קאָנען אויסלעבן ווי ייִדן.

לאָמיר צוריקגיין צום יאָר 1934. דעמאָלט האָט דער בירא־בידזשאַנער חלום — אַ ייִדישע אויטאָנאָמע געגנט — גענומען ווערן אַ ווירקלעכקייט. ייִדישע שרייבער האָבן געהאַלטן אין אַרויסגעבן ביכער אויפן חשבון פון דער מלוכה. עס זענען נאָך געווען ייִדישע שולן, ייִדישע צייטונגען. אָנרופן אַ ייִד זשיד — איז געווען אַ באַליידיקונג, פאַר וועלכער מען האָט באַקומען 1 יאָר תפיסה.

און דאָך האָט שוין דעמאָלט געקאָנט דערשיינען אַן אַנטיסעמיטישער פּלאַקאַט און דעם אַנטיסעמיטישן

האָבן זיך דעמאָלט געפונען פיל פּליטים, וועלכע זענען געפאַלן קרבנות פון דער באָמבאַרדירונג. דערמאָן איך מיך, ווי אַזוי די דייטשן האָבן אונדז, פּליטים אַנטלאָפענע פון דער באָמבאַרדירטער וואַרשע, באַשאָסן פון זייערע עראָפּלאַנען. זיי זענען געפלויגן אַזוי נידעריק (זיי האָבן נישט געהאַט פאַר וועמען מורא צו האָבן), אַז מיר האָבן טייל מאָל געזען די דייטשע פליער. איז וואָס האָבן מיר געטאָן: מיר האָבן באַגראָבן די פּנימער אין קאַרטאָפּל־פעלד און געלאָזט די פּלייצעס און הינטנס אָפן פאַר די דייטשע באָמבעס . . .

אָט פאַר אַזעלכע ווי אונדז, די הונדערטער טויזנטער פּליטים, די לעבן געבליבענע פון היטלערס טויט־לאַגערן, שרייבט מען אַזעלכע אַרטיקלען — איך זאָל לאָזן אַ טרער אויף דעם חורבן דרעזדען.

אַ קלאָג אויף זיי, די פאַרברעכער פון נעכטן און די רייטוואַשער פון היינט! ס'איז נאָר אַ שאָד וואָס מיר לאָזן נישט הערן אונדזער שטים פון פּראָטעסט קעגן אָט די געשיכטע־פעלשער. עס וואָלט נויטיק געווען, אַז מיר אַליין, די לעבן געבליבענע פון יענער טרויעריקער צייט זאָלן זיך אָרגאַניזירן, כדי צו לאָזן הערן אונדזער זייט פון דער מאָדערנער געשיכטע. מיר דאַרפן דאָס טאָן ווי לאַנג מיר לעבן נאָך. ווער וועט עס טוען נאָך אונדז? — אונדזער היינטיקע יוגנט וועט עס נישט, ווייל אויך די וויסן ווייניק וואָס מיר האָבן דורכגעלעבט.

העִרשל באַכראַך

# די בעלי־רחמים אויף דרעזדען...

קרוב פערציק יאָר נאָכן סוף פון דער צווייטער וועלט־מלחמה און מיר קערן זיך אום כסדר אין אונדזערע מחשבות, און אַפילו טאָג־טעגלעכע שמועסן, צו יענע טראַגישע יאָרן, ווען מיר ייִדן האָבן פאַרלוירן אַ דריטל פון אונדזער פאָלק און דאָס ייִדישע פאָלק אין גאַנץ מזרח־אייראָפּע איז כמעט ווי אָפּגעווישט געוואָרן פון דער ערד. צוזאַמען מיט דעם היטלער־חורבן איז אָפּגעמעקט געוואָרן די טויזנט־יאָריקע קולטור פון אונדזער פאָלק אין מזרח־אייראָפּע.

איך מייד אויס בכיוון צו רעדן נאָר וועגן פּוילישן ייִדנטום און זיין רייכע קולטור־ירושה ביי וועלכער מיר זענען דאָך געבליבן און באַמיען זיך איר אויפצוהאַלטן בכל תפוצות ישראל, וואָס פאַר אַ אידייאישע חשבונות מיר האָבן געהאַט אין יענע צייטן מיט די דייטשע יאהודים און זייער נעגאַטיווער באַציאונג צו אונדזער ייִדישער פאָלקס־קולטור, דאַרף מען נישט פאַרגעסן זייער צושטייער צו דער אויפקלערונגס־עפּאָכע פון דייטשן און אייראָפּעאישן ייִדנטום.

מיר זענען לײדער עדות ווי אַזוי פאַרשידענע שרייבער און פּסעוודאָ־היסטאָריקער פאָרשן אַצינד די פאַרשאָלטענע היטלער־עפּאָכע. אַליין האָבן זיי די מלחמה נישט איבערגעלעבט, נאָר זיי פאַרנעמען זיך מיט „פאָרשן" און ווי עס איז דער שטייגער פון אַזעלכע פאָרשער, געפינען זיי דאָס וואָס זיי ווילן געפינען. דאָקומענטן און מאַטעריאַלן וועלן זיי נישט אויספעלן, מען דאַרף ווי געהעריק קענען צוקלייבן... און עס ווערט פאַרטיק אַ היסטאָריש ווערק, וואָס איז ווייט פון אמת און שטיצט זיך אויף פאַלשע און פאַרדרייטע פאַקטן.

אַ בײשפּיל פון אַזאַ „היסטאָרישע פאָרשונג" איז דאָס בוך פון אײנעם אַלעקסאַנדער מאַק־קי א״נ „דרעזדען 1945". ווי באַוווּסט, איז די דייטשע שטאָט דרעזדען זייער שטאַרק באָמבאַרדירט געוואָרן אין פעברואַר 1945 און גאַנץ היפּש פאַרניכטעט געוואָרן צוזאַמען מיט אירע קולטור־אוצרות, וועלכע זענען געווען צונויפגעזאַמלט אין דער דאָזיקער שטאָט.

און אָט געפינען זיך אַצינד שרייבערס, וועלכע באַמיען זיך פאַרצושטעלן די דאָזיקע באָמבאַרדירונג ווי אַן אַקט פון באַרבאַריזם מצד ענגלאַנדס מלחמה־פירער ווינסטאָן טשערטשיל.

אָבער דער מחבר פון בוך „דרעזדען 1945", צוזאַמען מיט זיין רעצענזענט עדוואַרד קינעסטאָן, ביים פאַרגיסן זייערע קראָקאָדיל טרערן אויפן גורל פון דרעזדען, פאַרגעסן צו דערמאָנען, אַז אין אַן אַנדער שטאָט אויף דער וועלט־מאַפּע, אין וואַרשע, האָבן די דייטשן באַלד אין אָנהייב פון זייער נישט־פּראָוואָצירנדיקן אָנפאַל אויף פּוילן, דעם 1־טן סעפּטעמבער 1939, אָנגעהויבן צו פאַרניכטן וואַרשע ביזן גרונט. זיי האָבן אָנגעהויבן און אַט דער דאַטע, פאַרגעזעצט זייער מערדערישע אַרבעט אין אַפּריל 1943, ווען זיי האָבן פאַרניכטעט דעם ייִדישן טייל פון דער שטאָט. די רעשט האָבן זיי פאַרענדיקט אין אויגוסט־סעפּטעמבער 1944, ווען זיי האָבן פאַרברענט וואַרשע ביזן גרונט.

מיר געדענקען אויך די האָלענדישע שטאָט ראָטערדאַם, וועלכע איז אויף אַ באַרבאַרישן אופן באָמבאַרדירט געוואָרן; שפּעטער איז געקומען די שטאָט קאָווענטרי אין ענגלאַנד, ווען דער מוטיקער און שטאָלצער ווינסטאָן טשערטשיל האָט אײנער אַליין אָפּגעזאָגט זיך צו קאַפּיטולירן פאַר דעם משוגענעם הונט היטלער און זיינע „קולטורעלע" גענעראַלן.

אָט די פאַלשע (און איך וואָלט געזאָגט פאַרברעכערישע) היסטאָריקער דערמאָנען נישט אָט די מעשים פון די דייטשן, נאָר זייערע קאַלטע הערצער בלוטיקן איצט פאַר דעם גורל פון דרעזדען. דער דערמאָנטער מאַק־קי שטעלט פאַר די באָמבאַרדירונג ווי אַן אומנויטיקע האַנדלונג מצד טשערטשילן, וועלכער האָט אויף דעם אופן געוואָלט באַפרידיקן זיינע פערזענלעכע נקמה־געפילן לגבי דייטשלאַנד.

איז ערשטנס, האַלטן מיר נישט דאָס פאַר אַן עוולה. היטלער מיט זיינע פאַרברעכערישע באַנדעס האָבן אַזוי פיל געזינדיקט נישט נאָר קעגן אונדז ייִדן, נאָר אויך קעגן אַנדערע פעלקער — פּאָלאַקן, רוסן, פראַנצויזן, בעלגיער, האָלענדער און פיל אַנדערע — אַז זיי האָבן אָט דעם נקמה־אַקט כשר פאַרדינט און זיי פאַרדינען נישט קיין רחמנות מצד וועלכן ס'איז קולטור־מענטש.

אָבער ווי געזאָגט, היסטאָריקער פון דעם מין זאַמלען זיך צונויף מאַטעריאַלן און דאָקומענטן, וועלכע עס איז זיי באַקוועם פאַר זייערע טעאָריעס רייניצווואַשן דאָס דייטשע פאָלק און זיינע נאַצי־פירער, וועלכע זיי האָבן אַליין גענומען אויף זיך, זיי געמאַכט פאַר זייערע הערשער איבער זיך.

אין אַ בוך א״נ „דער בערלינער בונקער", געשריבן פון אַן אַמעריקאַנער אָפיציר און שפּעטערדיקן מלחמה־קאָרעספּאָנדענט דזשעימס פּ. אָ'דאָנעל, געפינען מיר אַ קלײנעם פראַגמענט וועגן דעם ענין פון דער דרעזדען־באָמבאַרדירונג. אָ'דאָנעל שרייבט, אַז אין דער דאָזיקער צייט האָבן דורך דרעזדען געדאַרפט דורכמאַרשירן צוויי דייטשע אַרמייען, וועלכע אָפּטרעטנדיק אונטערן דרוק פון דער רויטער אַרמיי, האָבן זיך געוואָלט דורכשלאָגן קיין בערלין. זיי האָבן געוואָלט פאַרטיידיקן די לעצטע פעסטונג פון דעם מטורף היטלער, וועלכער איז געלעגן ווי אַ הונט אין אַ שטייג אין דעם בערלינער בונקער און נאָך אַלץ געהאָפט, אַז זיין נצחון וועט נאָך קומען... די באָמבאַרדירונג מצד דעם ענגלישן לופט־פלאָט איז געקומען אַ ביסל צו שפּעט, ווייל די צוויי דייטשע אַרמייען האָבן שוין געהאַט דורכמאַרשירט דרעזדען.

זיי ווײנען, נעבעך, די „היסטאָריקער", אַז אין דרעזדען

גלייכצייטיק מוז צוריקגעשטעלט ווערן אַ באַלאַנסירטע כּוחות־פּאַרהעלטעניש אין קאָנווענציאָנעל געווער; 2) די מאַכט אין איינעם פון די נוקלעאַרע לענדער וועט נישט פאַרכאַפּט ווערן פון אַ משוגענעם אַוואַנטוריסט; 3) אויב די נוקלעאַרע מלוכות וועלן ערלעך מיטאַרבעטן קעגן דער אויסשפּרייטונג פון נוקלעאַרער קריגס־טעכנאָלאָגיע פאַר קלענערע לענדער. (אגב, אויף דעם געביט האָט רוסלאַנד אַרויסגעוויזן מער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, ווי למשל פראַנקרייך, וואָס האָט פאַרקויפט איראַק אַ נוקלעאַרן רעאַקטאָר, וואָס קאָן צושטעלן מאַטעריאַלן פאַר אַן אַטאָם־באָמבע).

ועל כולם באַשטייט טראָץ דעם אַ געפאַר פון אַ מיסקאַלקולאַציע, וואָס קאָן גורם זיין אַ נוקלעאַרע קאַטאַסטראָפע.

נעמענדיק אין באַטראַכט אַלע עווענטואַליטעטן, האָט דער לעצטנס פאַרשטאָרבענער, וועלט־באַרימטער פוטוריסט הערמאַן קאַהן (פון האַדסאַן אינסטיטוט) אָפּגעוואָרפן די אָנגענומענע טעאָריע, אַז „די געמיינזאַמע פאַרזיכערטע פאַרווּסטונג" איז אַ גאַראַנטיע קעגן אַ נוקלעאַרע מלחמה. אין זיין בוך „טהינקינג עבאַוט דהי אַנטהינקעבל" (דענקענדיק וועגן דעם אומדענקבאַרן) זעט ער פאַר אַ באַגרענעצטע נוקלעאַרע מלחמה.

✶

אַלבערט איינשטיין האָט אָפט געוואָרנט וועגן די קאָנסעקווענצן פון אַ נוקלעאַרער מלחמה און אַרגומענטירט, אַז דער איינציקער וועג צו פאַרמיידן די געפאַר, וואָס קאָן פאַרוויסטן די וועלט, איז צו שאַפן אַ וועלט־רעגירונג.

אַ וועלט־רעגירונג? ווען די פעלקער וואָלטן געווען פעאיק מסכים צו זיין אויף אַ וועלט־רעגירונג, וואָלטן דאָך איבערהויפּט נישט געווען קיין מלחמות.

עס וואָלטן מקוים געוואָרן די ווערטער פון דעם נביא: „וכתתו חרבותיהם לאתים" און „די וועלן איבערשמידן זייערע שווערדן אויף אַקעראייזן און זייערע שפּיזן אויף צוויגמעסערס, און אַ פאָלק קעגן אַ פאָלק וועט נישט הייבן אַ שווערד און מען וועט נישט מער לערנען מלחמה"...

דאָס איז פאַקטיש די יידישע שטעלונג וואָס שייך מלחמות — קאָנווענציאָנעלע אָדער נוקלעאַרע.

אָבער דער נביא הייבט אָן דעם געהעריקן קאַפּיטל מיט די ווערטער: „והיה באחרית הימים" (און עס וועט זיין אין סוף פון די טעג). אַן אמתע וועלט־רעגירונג וועט משיח וועט קומען.

דער ערשטער פּרוּוו — די „פעלקער־ליגע" — איז געווען אומגעלומפּערט און אוממעכטיק. דער צווייטער פּרוּוו — „די פאַראייניקטע פעלקער" — האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ חוזק, אַ ציניש אינסטיטוציע, וואָס פאַרשפּרייט האַס און שנאה.

אָפּגעזען פון דער משיחישער וויזיע פאַר וועלט־שלום, איז די יידישע שטעלונג איינגעוואָרצלט אין דער יידישער טראַדיציע, אין דעם געבאָט, וואָס איז אָנגעזאָגט צו די יידן אין דער פאַרשפּרייטונג: צו בעטן פאַר שלום און ווילדיין פון די פעלקער.

דאָס הייסט אָבער נישט, אַז מיר דאַרפן זיך אָנגאַזשירן אין די אַנטי־נוקלעאַרע דעמאָנסטראַציעס פון די „גרינע" און די ראַדיקאַל־לינקע. זייערע צילן זענען נישט אונדזערע צילן; זייערע וועגן זענען נישט אונדזערע וועגן.

מיר נייטיקן זיך נישט צו לעגיטימירן פאַר די גוים, אַז די יידן ווילן און שטרעבן צו אַ פרידלעכן לעבן. נישטאָ נאָך אַזאַ פאָלק, וואָס האָט אַזוי פיל געליטן פון די מלחמות צווישן גוים, ווי די יידן.

די יידישע שטעלונג קעגן דער נוקלעאַרער געפאַר האָט קיינער נישט אַזוי ערנסט און גרויזאַם דעפינירט ווי דער געוועזענער מעלבורנער בן־עיר שמואל פּיסאַר. אין זיין בוך „פון בלוט און האָפענונג" וואָרנט ער דער וועלט, אַז די קרעמאַטאָריעס פון אוישוויץ און אַנדערע פאַרניכטונגס־לאַגערן זענען נאָר אַ קליינער מוסטער פאַר אַ וועלט־קרעמאַטאָריע.

פון דער כנסת־טריבונע, בשעת דעם לעצטן צוזאַמענפאַר פון די רעשטלעך פון יידישן חורבן האָט ש. פּיסאַר געוואָרנט דער וועלט, אַז „די נייע קאָמבינאַציע פון טעכנאָלאָגיע און ברוטאַליטעט איז גורם צו טראַנספאָרמירן אונדזער פּלאַנעט אין אַ גלאָבאַלער קרעמאַטאָריע".

די וואָרענונג פון שמואל פּיסאַר און די באַלאַנסירטע רעזאָלוציעס פון אַמעריקאַנער יידנטום פאַר אַ קעגנזייטיקע נוקלעאַרע אַנטוואָפענונג אויף אַ קאָנטראָלירבאַרן אופן, דריקן אויס די יידישע שטעלונג קעגן דער נוקלעאַרער געפאַר.

# געשטאָרבן גדליה שאַיאַק

דעם 9טן סעפּטעמבער 1983 איז פּלוצלינג געשטאָרבן דער שרייבער גדליה שאַיאַק־טשאַרנעזאָן. (געבוירן דעם 9טן סעפּטעמבער 1905 אין לאָוויטש).

ווי אַ פּליט אין סאָוועטרוסלאַנד געווען פאַרשיקט און איז ערשט באַפרייט געוואָרן אין 1942, „ער קומט דאַן מיט דער פּוילישער אַרמיי קיין א"י. דורכגעמאַכט אַ שטורמישע צייט ווי אַ דאָלמעטשער און קריגס־קאָרעספּאָנדענט אין דער בריטישער אַרמיי.

אין א"י האָט דער יידישער שרייבער־פאַריין אַרויסגעגעבן זיין בוך: „אין שאָטן פון האַקנקרייץ", אין 1944. ג. ש. האָט געשריבן רעפּאָרטאַזשן, דראַמעס, לידער. אין 1949 געקומען קיין מעלבורן, וווּ ער ווערט רעדאַקטאָר פון די „אויסטראַלישע יידישע פּאָסט", וועלכע ער האָט יאָרנלאַנג רעדאַגירט. ער איז גלייכצייטיק אויך געווען פאָרזיצער פון יידישן שרייבער פאַריין אין מעלבורן.

אין די לעצטע יאָרן אָנגעשריבן אַ היסטאָרישן ראָמאַן „דער אָפּגאָט פון פייער" וואָס האָט געהאַט אַ גוטן אָפּרוף ביי דער קריטיק און ביי די לייענער.

שפּעטער איבערגעזעצט דאָסך בוך אין ענגליש, א. ג. „דער אָפּטריניקער".

ג. שאַיאַק האָט אויך שטודירט מאָלעריי, און געהאַט עטלעכע דערפאָלגרייכע אויסשטעלונגען.

געווען אַ צוגעלאָזענער, פריינדלעכער חבר. אין „מעלבורן קראָניקל" פאַרעפנטלעכט פען־פּאָרטרעטן פון קאָלעגן־שרייבער, מיט וואַרעמקייט און חברישער באַציאונג. מיט 6 חדשים צוריק האָט ער ערשט אויפגעהערט צו אַרבעטן אויפן פּאָסטן, און געהאַט ברייטע פּלענער פון ליטעראַרישע און קינסטלערישע אַרבעטן.

ליידער וועלן זיי שוין קיינמאָל נישט פאַרווירקלעכט ווערן.

כבוד זיין אָנדענק.

אַטאַק אויף די כינעזישע אַטאָמישע אינסטאַלאַציעס, אָבער האָבן נישט געוואַגט עס צו טאָן, ווען ד״ר קיסינדזשער האָט געוואָרנט ברעזשניעוון, אַז אַזאַ אַטאַק וועט גורם זיין אַ נוקלעאַרע מלחמה מיט אַמעריקע. אַמעריקע האָט אַראָפּגעשלונגען די חרפה פון אַ מפּלה אין וויעטנאַם, אָבער נישט געוואַגט דאָרט זיך צו באַנוצן מיט אַטאָמיש געווער.

עס רוקן זיך אָבער אַרויס אַ פּאָר ערנסטע פראַגן: וואָס פאַר אַן אַבסאָלוטן ווערט האָבן דראָאונגען, ווען מען ווייסט פאָרויס, אַז די גרויזאַמקייט פון אַטאָם וועט נישט דערלויבן עס צו באַנוצן? צי קאָן מען ערנסט גלויבן, אַז הונדערטער ביליאָנען דאָלאַרן ווערן יערלעך אויסגעגעבן אויף נוקלעאַר געווער, כדי זיך דערמיט נישט באַנוצן?...

צי קאָן מען גלויבן, אַז אַ לאַנד וואָס באַזיצט נוקלעאַרע וואָפן וועט עס קיינמאָל נישט באַנוצן?

צי קאָן מען ערנסט גלויבן, אַז אין פאַל פון אַ „קאָנווענציאָנעלע״ מלחמה צווישן די גרויסמאַכטן, וועט דער צד וואָס שטייט פאַר אַ מפּלה, וואָס באַדראָט זיין עקזיסטענץ אָדער לעבנס־אינטערעסן, — זיך נישט באַנוצן מיט אַטאָמיש וואָפן ?

צי קאָן מען ערנסט גלויבן, אַז אין פאַל פון אַ „קאָנווענציאָנעלער״ מלחמה צווישן די גרויסמאַכטן, וועט דער צד, וואָס האָט אַן איבערגעוויכט, אָבער קאָן נישט אַ סוף מאַכן צו דער מלחמה אָן ווייטערע, גאָר שווערע קרבנות, וועט ער נישט באַנוצן נוקלעאַרע וואָפן צו דערלאַנגען אַ טויט־קלאַפּ דעם שוואַכערן צד ?

האָט דאָך אַמעריקע זיך באַנוצט מיט אַטאָמישע באָמבעס נישט ווען די עקזיסטענץ פון אַמעריקע איז געשטאַנען אין קאָן, נאָר בכדי צו פאַרמיידן ווייטערע קרבנות, — וואָס זיי האָבן געשאַצט אָדער איבערגעשאַצט — אויף אַ מיליאָן אַמעריקאַנער זעלנער ביים עווענטועלן דעראָבערן און באַזעצן די יאַפּאַנישע אינדזלען. (אגב קאָן מען אַרגומענטירן, אַז די אַטאָם־באָמבע אויף הירָאָשימאַ און נאַגאַסאַקי איז בכלל נישט געווען נויטיק און נאָר געבראַכט שאָדן די אַמעריקאַנער אינטערעסן).

ווו איז דער אויסוועג צו פאַרמיידן אַ נוקלעאַרע מלחמה, ווען אַ קאָנווענציאָנעלע מלחמה וועט וואַרשיינלעך אַריינציען נוקלעאַרע וואָפן?

די „גרינע״ און די ראַדיקאַל־לינקע פאָדערן אַן איינזייטיקע נוקלעאַרע אַנטוואָפענונג; פאַרניכטן די אַרסענאַלן מיט נוקלעאַרע וואָפן אין דער מערב־וועלט; באַזייטיקן די אַמעריקאַנער באַזעס, וועלכע באַזיצן אַטאָמיש געווער.

דאָ מוז מען אָבער באַטאָנען, אַז דער געוועזענער אַמעריקאַנער פּרעזידענט דזשימי קאַרטער, בלי ספק אַ מענטש מיט הויכע מאָראַלישע פּרינציפּן האָט געמאַכט דעם ערשטן זשעסט אויפן וועג פון איינזייטיקער אַנטוואָפענונג. ער האָט נישט דערלויבט צו פּראָדוצירן די טאַקטישע ניוטראָן באָמבע, וואָס איר ציל איז נישט מאַסן־פאַרניכטונג, נאָר איינצוהאַלטן דעם עווענטועלן מאַרש פון דעם שונא׳ס טאַנקן מיט לאָקאַלע ראַדיאָ־אַקטיווע שטראַלן, אָן אַ שאָדן צו דער אומגעבונג.

קאַרטער האָט אָפּגעשטעלט די פּראָדוקציע פון דעם סטראַטעגישן באָמבאַרדיר־עראָפּלאַן „ב־1״, ווי אויך די נייע סעריע פון לאַנד־ראַקעטן מיט אַן אינטערקאָנטינענטאַלן ראַדיוס.

אויף אָט די זשעסטן פון איינזייטיקער באַגרענעצונג אויפן געביט פון נוקלעאַרער באַוואָפענונג האָט סאָוויעט־רוסלאַנד געענטפערט מיט אינסטאַלירן די „סאָם״־ראַקעטן אויף דער סאָוויעטיש־אייראָפּעאישער גרענעץ, וואָס באַדראָען מערב־אייראָפּע.

דער ציל פון דעם דאָזיקן סאָוויעטישן שריט איז נישט די אַטאָמישע פאַרניכטונג פון מערב־אייראָפּע, נאָר אָפּצושרעקן מערב־אייראָפּע, אַז זי זאָל נישט דערלויבן צו אינסטאַלירן די נייעסטע אַמעריקאַנער ראַקעטן, כדי צו באַלאַנסירן די סאָוויעטישע ראַקעטן און אַזוי אַרום לאַנגזאַם צו פאַרוואַנדלען דעם גאַנצן אייראָפּעאישן קאָנטינענט אין אַ פינלאַנד, מיטן ווייטערן ציל, אַז אַ פינלאַנדיזירטע אייראָפּע וועט ווערן דער אינדוסטריעלער און טעכנאָלאָגישער הינטערלאַנד, וואָס וועט אַרבעטן, פּראָדוצירן און שפּייזן סאָוויעט־רוסלאַנד.

פאַר אָט דעם פּרייז וועט רוסלאַנד דערלויבן מערב־אייראָפּע צו לעבן בשלום.

דאָס אַלץ איז אין איינקלאַנג מיט לענינס לערע: „די געשיכטע באַווייזט אונדז, אַז שלום איז אַ שטילשטאַנד פאַר אַ מלחמה און אַ מלחמה איז אַ מיטל צו דערגרייכן אַ ביסל בעסערן שלום״... „שלום אַלס אַן ענדציל מיינט פּשוט קאָמוניסטישע וועלט־קאָנטראָל״...

היות מערב־אייראָפּע און דער נאַטאָ־אַליאַנס וועלן נישט איינגיין אויף אַ פינלאַנדיזאַציע פון אייראָפּעאישן קאָנטינענט און וועלן אינסטאַלירן אויף דעם אייראָפּעאישן קאָנטינענט די אַמעריקאַנער ראַקעטן צו באַלאַנסירן און אפשר צו איבערשטייגן די סאָוויעטישע ראַקעטן — איז וואָס ווייטער ?

עס איז אומגלויבלעך, אַז סאָוויעט־רוסלאַנד וועט צוליב דעם אָנהויבן אַ מלחמה קעגן מערב־אייראָפּע. רוסלאַנד וועט טאָן אַלץ (אַ חוץ אַ מלחמה), כדי צווינגען מערב־אייראָפּע זי זאָל זיך אַנטוואָפענען.

אויף דעם געביט רעכנט דער סאָוויעטישער רעזשים אויס אויף דער אַנטי־נוקלעאַרער באַוועגונג. מאַסן־דעמאָנסטראַציעס פון די „גרינע״; אויף דעם „הימל־געשריי״ פון געוויסע קירכלעכע אָרגאַניזאַציעס מיט דעם וועלט־ראָט פון קריסטלעכע קירכעס בראש, נישט צו דערלאָזן דאָס אינסטאַלירן די אַמעריקאַנער ראַקעטן. אָבער אויב דאָס אַלץ וועט נישט העלפן, וועט רוסלאַנד וואַרשיינלעך איינגיין אויף קאָנצעסיעס צו רעדוצירן אָדער באַזייטיקן די „סאָם״־ראַקעטן פון דעם רוסיש־אייראָפּעאישן געביט, אָדער זי וועט בלי רצון אָנערקענען דעם צוריקגעשטעלט; באַלאַנס פון די נוקלעאַרע כוחות.

אין די באַדינגונגען קאָן מען אָננעמען, אַז אויב די נוקלעאַרע מאַכטן קאָנען נישט אָדער וועלן נישט מסכים זיין צו פאַרניכטן אָדער רעדוצירן זייערע נוקלעאַרע אַרסענאַלן, איז אַ באַלאַנס פון די דאָזיקע כוחות די גאַראַנטיע, אַז עס וועט נישט קומען צו קיין נוקלעאַרע מלחמה צווישן די גרויסמאַכטן.

די פאָלגנדיקע באַדינגונגען זענען דערצו נויטיק: (1

יאַליטעט — דאָס מאָל קעגן די אינטערעסן פון דער גאַנצער מענטשהייט.

למען האמת דאַרף מען באַטאָנען, אַז ראַבּיי אַלעקסאַנדער שינדלער, פּרעזידענט פון די קאָנסערוואַטיווע קאָנגרעגאַציעס אין אַמעריקע, שטיצט די אַנטי־נוקלעאַרע באַוועגונג און די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון זיין „יוניאָן אָף אַמעריקען היברו קאָנגרעגיישאָנס" האָט אָנגענומען אַן איינשטימיקע רעזאָלוציע, וואָס אַפּעלירט צו אַלע נוקלעאַרע מאַכטן, אַז זיי זאָלן קעגנזייטיק מסכים זיין אָפּצושטעלן דאָס אויספּרובירן נוקלעאַרע וואָפן און אַז זיי זאָלן איינגיין אויף אַ פופציק־פּראָצענטיקע רעדוקציע פון זייער נוקלעאַרן אַרסענאַל, אויף אַ קאָנטראָלירבאַרן אופן.

די רעפאָרם־ראַבּייס, באַלפור בריקנער און לעאָנאַרד בירמאַן, האָבן אָרגאַניזירט סימפּאָזיומס אויף דער טעמע: „נוקלעאַרע וואָפן, יהדות און די ידישע געזעלשאַפט" און אין פעברואַר 1982 האָט דער ראַט פון די סינאַגאָגעס אין אַמעריקע, וואָס נעמט אַרום אַלע צווייגן פון דעם ידישן רעליגיעזן לעבן, אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, וואָס אַפּעלירט צום פּרעזידענט ראָנאַלד רייגען און צו יורי אַנדראָפּאָוו, אַז זיי זאָלן שליסן אַ קעגנזייטיקן אָפּמאַך, וואָס זאָל אַנטהאַלטן אַ פאַרבאָט צו פּראָדוצירן און אָנצווענדן נוקלעאַרע וואָפן.

אין דעם זין איז די שטעלונג פון די ידישע רעליגיעזע אינסטיטוציעס אין אַמעריקע ענלעך צו די רעזאָלוציעס פון די קריסטלעכע קערפּערשאַפטן.

אָבער פאַר די קריסטלעכע אָרגאַניזאַציעס, די ראַדיקאַל־לינקע און די „גרינע", וואָס שטייען אין פאָדערפראָנט פון דער אַנטי־נוקלעאַרער קאַמפּאַניע, איז די דאָזיקע ידישע שטעלונג ווייניק. זיי וואַרפן פאָר, אַז די ידישע מאַסן זענען קאַלט און פּאַסיוו אין דעם ענין. ידן באַטייליקן זיך נישט אין די מאַסן־באַוועגונגען, וואָס זיי אָרגאַניזירן אין קאַמף קעגן די נוקלעאַרע וואָפן.

★

איידער מיר, ידן, נעמען שטעלונג אין דער אַנטי־נוקלעאַרער קאַמפּאַניע מוזן מיר אָביעקטיוו באַטראַכטן די איינזייטיקייט פון דער דאָזיקער קאַמפּאַניע.

אין אויגוסט 1945 האָבן די אַמעריקאַנער פאַרענדיקט די צווייטע וועלט־מלחמה מיט צוויי אַטאָם־באָמבעס אויף הירָאָשימאַ און נאַגאַסאַקי. הונדערט און פינף טויזנט מענטשן זענען דערהרגעט געוואָרן אין לויף פון אַן אויגנבליק.

אַ שרעקלעכע סצענאַריאָ, וואָס טאָר זיך, אַוודאי נישט איבערחזרן.

גלייכצייטיק מוז מען דערמאָנען, אַז דעם 9טן און 10טן מערץ 1945 האָבן די אַמעריקאַנער באָמבאַרדירט טאָקיאָ מיט „קאָנווענציאָנעלע" באָמבעס. דער רעזולטאַט פון דער „קאָנווענציאָנעלער" באָמבאַרדירונג פון טאָקיאָ אין די צוויי טעג איז געווען: דריי און אַכציק טויזנט דערהרגעטע.

אין 13טן און 14טן פעברואַר 1945 האָבן די אַמעריקאַנער באָמבאַרדירט די דייטשע שטאָט דרעזדען. די „קאָנווענציאָנעלע" באָמבעס האָבן דערהרגעט הונדערט און פינף און דרייסיק טויזנט דייטשן אין איין שטאָט, אין משך פון צוויי טעג... (פּרעזידענט רוזוועלט האָט געהאַט אַ נס וואָס טעלעוויזיע און „מאָראַליסטישע" טעלעוויזיע־רעפּאָרטערן האָבן דעמאָלט נישט עקזיסטירט. אַנדערש וואָלט אַמעריקע פאַרשפּילט די מלחמה.)...

די קרבנות אין טאָקיאָ און אין דרעזדען זענען געווען צוויי מאָל אַזוי פיל, ווי אין הירָאָשימאַ און נאַגאַסאַקי. טראָץ דעם האָט די שווערע מאַסן־באָמבאַרדירונג מיט „קאָנווענציאָנעלע" באָמבעס נישט פאַרענדיקט די מלחמה און דער מאַסן בלוט־פאַרגוס איז ווייטער אָנגעגאַנגען.

עס איז נישטאָ קיין אומשולדיק געווער. אַפילו ווען אַלע נוקלעאַרע באָמבעס וואָלטן צעשטערט געוואָרן, וואָלט דער מענטשלעכער מוח שנעל אַנטוויקלט אַנדערע ווירקזאַמע מיטלען פון מאַסן־פאַרניכטונג: כעמיש און באַקטעריאָלאָגיש וואָפן, גאַז וואָס פאַראַליזירט דעם נערוון־סיסטעם און אַנדערע. אַ חוץ מאַסן־באָמבאַרדירונגען מיט „קאָנווענציאָנעלע" באָמבעס אויפן שטייגער פון טאָקיאָ און דרעזדען.

דער וועלט־באַרימטער „האַדסאָן־אינסטיטוט" אין ניו־יאָרק האָט לעצטנס אויסגערעכנט, אַז זינט דער קאַפּיטולאַציע פון דריטן רייך און יאַפּאַן זענען פאָרגעקומען הונדערט און דרייסיק גרעסערע און קלענערע מלחמות, אין וועלכע צוויי און דרייסיק מיליאָן מענטשן זענען דערהרגעט געוואָרן (מיט „קאָנווענציאָנעלן" וואָפן).

אַנדרעי פאָנטעין האָט אין דער ענגלישער וואָכן־אויסגאַבע פון „לע מאָנד" באַטאָנט: „מיר קאָנען דעצידירן אַליין אָנצוהייבן אַ מלחמה אַפילו ווען דאָס באַדייט צו ריזיקירן צו פאַרלירן די מלחמה. אָבער מיר קאָנען אַליין נישט דעצידירן צו מאַכן אַ שלום, מיטן אויסנאַם פון קאַפּיטולאַציע. נייטראַליטעט אין דעם לעצטן וועלט־קריג האָט נישט גאַראַנטעוועט פינלאַנד, דענמאַרק, נאָרוועגיע, בעלגיע, האָלאַנד, לוקסעמבורג און איראַן".

אין פאַרגלייך מיט „קאָנווענציאָנעלן" געווער, פאַרמאָגט נוקלעאַר געווער דעם כוח, אַז דאָס באַנוצן זיך מיט דעם איז אַזוי געפערלעך און גרויזאַם, אַז די נוקלעאַרע מאַכטן וואַגן נישט מיט זיי זיך צו באַנוצן.

פאַראַן אַ געדאַנקען־גאַנג, אַז דער ציל פון נוקלעאַרע באַוואָפענונג איז נישט אַראָפּצוּוואַרפן אַטאָם־באָמבעס, אָדער אויסשיסן הונדערטער נוקלעאַרע ראַקעטן, — נאָר אַרויפצוּוואַרפן אַן אימה אויף דעם צד שכנגד, עס זאָל אים נישט איינפאַלן צו פּראָוואָצירן אַ מלחמה.

אין דעם זין שאַפט נוקלעאַר וואָפן אַ פּסיכאָלאָגישן שוועל פון אַזאַ שרעקלעכן טעראָר, אַז קיינער וועט נישט וואַגן די דאָזיקע שוועל איבערטרעטן.

אַ פאַקט איז, אַז די אַמעריקאַנער האָבן זיך געקאָנט באַנוצן מיט נוקלעאַר געווער אין 1946 קעגן סאָוויעט־רוסלאַנד, ווען זיי זענען געווען די איינציקע, וועלכע האָבן פאַרמאָגט דאָס דאָזיקע גרויזאַמע געווער. זיי האָבן זיך געקאָנט באַנוצן מיטן זעלבן וואָפן קעגן כינע, אין 1951 — אין דער קאָרעאַנער מלחמה. סאָוויעט־רוסלאַנד האָט זיך געשפּילט מיט דעם געדאַנק און געדראָט אַ נוקלעאַרן

ד"ר מ. פערשטענדיק

# א יידישע שטעלונג קעגן דער געפאר פון דער נוקלעארער באוואפענונג

אין א ראמאן אויף דער קאנווע פון דער ערשטער וועלט-מלחמה האט א פוילישער נאוועליסט געשילדערט די נייע דערפינדונג: געפאנצערטע מאשינען, — די טאנקן, וואס האבן דורכגעבראכן די דייטשע שוצגרובן און האבן א סוף געמאכט צו דער סטאטישער מלחמה אין דער לעצטער פאזע פון ערשטן וועלט-קריג. דער מחבר האט אנגעדייט, אז אט די נייע דערפינדונג — די טאנקן און קריגס-עראפלאנען, וואס האבן פארענדיקט די ערשטע וועלט-מלחמה, וועלן זיין די מכשירים, מיט וועלכע די צווייטע וועלט-מלחמה וועט זיך אנהייבן.

די צווייטע וועלט-מלחמה האט זיך פארענדיקט מיט דער אטאם-באמבע אין הירא־שימא און נאגאסאקי. די געפאר באשטייט, אז אויב עס זאל, חלילה, קומען צו א דריטער וועלט-מלחמה, וועט זי זיך אנהייבן מיט נוקלעארע וואפן.

די געפאר פון אזא סצענאריא איז ממש אומבאשרייבלעך און אומדענקבאר. דער גאנצער וועלט, דער מענטשהייט דראט א טאטאלער אומקום.

דער אויסטראלישער נאוועליסט נעוויל שוט האט אין זיין אפאקאליפטישער וויזיע געשילדערט די לעצטע מחנה מענטשן אויף דעם ים-ברעג אין פרענקסטאן. נישטא מער קיין לעבנסצייכן אויף דער וועלט און אט די לעצטע ווארטן ביז די אטאמישע טויט-שטראלן וועלן זיי טויטן.

אין דער מערב-וועלט קומען פאר גרויסע דעמאנסטראציעס קעגן נוקלעארע וואפן. עס דעמאנסטרירן די אזוי-גערופענע „גרינע", וואס האבן אויף זיך גענומען דעם מאנאפאל צו באשיצן די נאטור און אומגעבונג, און די ראדיקאל-לינקע; קריסטלעכע קירכעס פון פארשידענע שאטירונגען נעמען אן אנטי-נוקלעארע רעזאלוציעס.

צי איז פאראן א יידישע שטעלונג אין דער פראגע פון נוקלעארע וואפן?

די קריסטלעכע קירכעס, די „גרינע" און ראדיקאל-לינקע, — זיי אלע ווארפן פאר, אז יידן, וואס זענען געווען אזוי אקטיוו אין דער אנטי-וויעטנאם קאמפאניע און וואס זייער קאמף פאר סאציאלע גערעכטיקייט און מענטשן-רעכט איבערשטייגט די פראפארץ פון זייער צאל אין דער אלגעמיינער געזעלשאפט, זיי זענען אבער פארדעכטיקט פאסיוו וואס שייך דער געפאר פון נוקלעארער באוואפענונג.

אין וואס באשטייט דער פארדאכט? זיי גיבן אנצוזאגערן, אז די יידן שטעלן העכער זייער לאיאליטעט צו דער זיכערקייט פון מדינת ישראל, ווי צו דעם גורל פון דער גאנצער מענטשהייט. פון דאנען, באהויפטן זיי, נעמט זיך דאס נישט אנגאזשירן זיך פון די יידן אין דער אנטי-נוקלעארער קאמפאניע. ווייל דאס אפשוואכן די נוקלעארע כוחות פון אמעריקע קען באדראען די זיכערקייט פון ישראל. היות סאוויעט-רוסלאנד שטיצט פאליטיש און מיליטעריש די אראבישע מדינות, וואס באדראען די עקזיסטענץ פון דער יידישער מדינה, זענען יידן אין דער גאנצער וועלט פאראינטערעסירט אין דער סופעריאריטעט פון אמעריקע אויפן געביט פון נוקלעארע וואפן. זיי באהויפטן אויך, אז ישראל אליין באזיצט די טעכנאלאגישע מעגלעכקייטן צו פראדוצירן נוקלעארע וואפן און א מאראלישער פארבאט צו באנוצן זיך דערמיט, וואלט אפגעשוואכט דעם ווערט פון עווענטועלע ישראלדיקע נוקלעארע וואפן אלס אן אפשרעקונגס-מיטל.

אזוי ווערן מיר ווידער באשולדיקט אין טאפלטער לא-

---

דיקט זיי אין אקטן פון גרויזאמקייט, וועט די סאוויעטישע טעלעוויזיע נישט נאכטאן דער אמעריקאנער, בשעת דער וויעטנאמער מלחמה, מיט סצענעס וואס האבן אויפגערודערט דאס לאנד און געצוווּנגען אמעריקע זיך ארויסציען און איבערלאזן אירע פארבינדעטע צו זייערע אייגענעם גורל און דעם יושר פון די קאמוניסטישע דעראבערער.

אין אט דעם פאליטישן וויר-ווארר עקזיסטירט אויך מדינת ישראל, וואס איר הויפט זארג מוז נאך אלץ זיין — די זיכערקייט פון דער מדינה און אירע בירגער.

געוויס — מיר, די „פאטעל-סטראטעגן" קאנען געבן די בעסטע עצות וואס מען דארף אדער וואס מען דארף נישט טאן; דאס ענדערט אבער נישט דעם פאקט, אז דער גורל פון לאנד איז אפהענגיק פון דעם כוח פון דער ארמיי.

די נאבעלע רייד וועגן גאראנטיעס און הילף אין פאל פון... וועלן תמיד בלייבן, שיינע רייד. אויב אמעריקע קאן נישט באשליסן ווי צו האנדלען ביי זיך אונטערן נאז, אין אייגענעם הינטערלאנד, וואס וועלכע קאנקרעטע אקציעס קאן מען שוין דערווארטן פון איר אין מיטעלן מזרח? אפילו די אכצן-הונדערט וועלנער איך לבנון קאנען גארנישט אויפטאן, אפצושטעלן די טאג-טעגלעכע שיסעריייען און אומרוען.

מיר האבן געשטעלט די פראגע: צי איז דא אן אויסוועג און מיר ווארטן אויף אן ענטפער.

לײדער האבן אפילו נישט קיין ענטפער די, וועלכע זיצן ביי די מלוכה-רודערס און גיבן אכטונג אויפן קאמפאס און טראכטן דעם — ווייסן זיי נישט, וווהין די וועלט גייט.

מ. א.

# מעלבורנער בלעטער

ליטעראַריש-געזעלשאַפטלעכע אויסגאַבע

אַדרעס פון רעדאַקציע: "KADIMAH", 7 Selwyn Street, Elsternwick, Victoria 3185, Australia

אויגוסט-סעפטעמבער 1983 | נומער 4 (38) | מעלבורן, אויסטראַליע


# האָט קאָ-עקזיסטענץ אַ צוקונפט?

די אַנטוויקלונג פון די פּאָליטישע געשעענישן אין דער וועלט קאָן מען פאַרגלייכן מיט צוויי שטראָמען, וועלכע פליסן פּאַראַלעל צו איינאַנדער.

מען פּרידיקט; מען דעמאָנסטרירט; מען פירט אונטערהאַנדלונגען וועגן אָנטוואָפענונג, אָדער לכל הפחות — וועגן אָפּשטעלן דעם ווילדן, אומבאַרעכנטן און קאַטאַסטראָפאַלן געיעג פון באַוואָפענונג —

פּאַראַלעל מיט דעם האַלט מען אין איין פאַרבעסערן די פאַרניכטונגס כלי זין; מען באַוואָפנט רעגירונגען און רעוואָלוציאָנערן; ספּעציעל אין דרום-אַמעריקע — ווו בירגער-קריגן, רעוואָלוציעס און קאָנטער-רעוואָלוציעס זענען אַ טאָג-טעגלעכע דערשיינונג.

אַזוי אויך אין אַפריקע און אַזיע. עס איז נאָך קיינמאָל אין דער וועלט נישט געווען אַזוי פיל געווער אין באַזיץ פון אַזוי פיל קריגערישע מענטשן.

און ווייל עס איז דאָ אַ געזעץ אין פיזיק, אַז צוויי פּאַראַלעלע ליניעס באַגעגענען זיך נישט, במילא פליסן בײדע שטראָמען בײנאַנד, נישט רעכענענדיק זיך איינער מיטן צווייטן. די רייד וועגן אָנטוואָפענונג און פרידלעכער לייזונג פון קאָנפליקטן שטערן נישט די, וועלכע באַשעפטיקן זיך מיט עקספּלואַטירן די פּאָליטישע, עקאָנאָמישע, עטנישע און אַפילו רעליגיעזע ווידעראַנאַנדן — צו באַוואָפענען די קריגערישע צדדים, און אויך לערנען זיי, ווי מיטן געווער זיך צו באַנוצן.

מען לייגט אַריין געווער אין הענט פון די, וועלכע באַטראַכטן זייער אייגן לעבן און דאָס לעבן פון אַנדערע — ווי הפקר.

זינט דער צווייטער וועלט מלחמה שטייען אין צענטער פון די אַלע קאָנפליקטן צוויי הויפּט-כוחות: רוסלאַנד און אַמעריקע.

מען מוז מודה זיין: די לאַגע פון די רוסן איז אַסך אַ באַקוועמערע און לייכטערע ווי אַמעריקעס, וועלכע ווערט דאָס רוב פאַרפּלאָנטערט אין קאָנפליקטן, קעגן איר ווילן.

ווו נאָר די רוסן דערשפירן אַ גינסטיקע אַטמאָספער כדי צו פאַרגאַנדערפּלאָקערן אַן אינערלעכן פייער, וועט ערגעץ ווו באַריין אַמעריקע — האָבן זיי צו זייער דיספּאָזיציע די זעלנער פון קובאַ, פון מזרח-דייטשלאַנד אָדער בולגאַריע — עס ווענדט זיך בלויז וואָס פאַראַ הויט-קאָליר מען דאַרף כדי עס זאָל זיך אַריינפּאַסן אין דער נאַטור-סביבה . .

רוסלאַנד קאָן שיקן געווער (און נעמט דערפאַר באַצאָלט אויך) אָבער אַמעריקע מוז שיקן אויך זעלנער (ווי אין לבנון).

צענטראַל-אַמעריקע איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פּליסיקער, פייערדיקער לאַווע פון רעוואָלט, וואָס באַדראָט נישט נאָר די לענדער פון דער אַמעריקאַנער ווידקונגס-ספערע ווי סאַלוואַדאָר און האָנדוראַס, נאָר אַמעריקע גופא דראָט די געפאַר אַרומגערינגלט צו ווערן פון אָט דער לאַווע.

צום באַדויערן קאָנען די אַמעריקאַנער נישט אויסאַרבעטן אַ פּאָזיטיווע, איינהייטלעכע שטעלונג, קיין איינהייטלעכע אַקציע פון קעגנווירקן די געשעענישן.

דער עסייאיסט פון „טיים"-מאַגאַזין סטראָבע טאַלבאָט כאַראַקטעריזירט די מיטלען מיט וועלכע אַמעריקע וויל שנעל לייזן פּראָבלעמען:

„האָסט אַ פּראָבלעם? שיק אַריין אַ מיליטערישן גובערנאַטאָר, אָדער אַ ספּעציעלן שליח. האָסט נאָך אַלץ אַ פּראָבלעם? שיק געלט. וואָס, דאָס פּראָבלעם איז נאָך אַלץ דאָ? שיק אַריין די מאַרינען.

כמעט אַ גאַנצן יאָרהונדערט איז דאָס געווען די סטאַנדאַרטנע אַמעריקאַנער רעאַקציע צו די קאָנפליקטן, נידעריקער אויף דרום".

די מלחמה צווישן איראַן און איראַק קאָן מען שוין באַצייכענען ווי אַ פּערמאַנענטע מלחמה, וואָס איז שוין לאַנגווייליק געוואָרן.

אין מיטעלן מזרח זענען די קאָנפליקטן פון אַזאַ מאָסשטאַב, אַז מען קאָן זיי בלויז לייזן מיט מאַשין-געווער (אַזוי זעט עס אַלנפאַלס אויס . . .).

דאָס געשעט שוין נאָך דעם, ווי אין לבנון איז דאָ אַ רעגירונג, אַן אַרמיי און די ישראל-אַרמיי איז גרייט צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד, נאָכן פאַרטרייבן די פּ.ל.אָ.-באַנדעס.

די סיריער וואָלטן עס אויך, וואַרשיינלעך געטאָן, ווען די רוסן האַלטן זיי נישט צו ביי די פּאָלעס.

דאָס איינציקע אָרט, ווו די סאָוויעטן זענען דירעקט קאָמפּראָמיטירט, איז אַפגאַניסטאַן. כאָטש מען באַשול-

# דוד הערמאַן טעאַטער
# ביי דער „קדימה״

פ ר ע ז ע נ ט י ר ט

יוסף לפּידס ישׂראל־קאָמעדיע

# „נחת פון קינדער״

(„הכושי עשה את שלו״)

## רעזשי: ר אָ ז אַ ט ו ר ק אָ ו

דעקאָראַציעס: א. גורוויטש; יידיש: י. שער; בינע־לייטונג: א. קאַלטיניוק.

עס נעמען אָנטייל:
ראָזאַ טורקאָוו, רבקה גאַוועגדאַ־בלעק, מרים פּפּאָו,
יאָסל כאַבערמאַן, מענדל שמערלינג, יאַשאַ שער.

## פייערלעכע פרעמיערע

זונטיק, דעם 2טן אָקטאָבער 1983, 8.15 אָוונט
אין טעאַטער־זאַל פון דער „קדימה״

2טע פאָרשטעלונג — זונטיק, דעם 9טן אָקטאָבער 1983

וועגן ווייטערדיקע פאָרשטעלונגען — פאָלגט נאָך די פרעסע.

בילעטן צו באַקומען:
„קדימה״ — 523־9817 באַלבערישסקי — 534־6003

---

## אַ כ ט ו נ ג ס י ד נ ע י !

שבת, דעם 15טן אָקטאָבער, 8.15 אָוונט
## א יי נ צ י ק ע פ אָ ר ש ט ע ל ו נ ג
## „נחת פון קינדער״

**TEACHERS FEDERATION HALL, SUSSEX ST., SYDNEY**

SPONSORED BY: **bank leumi בנק לאומי**

ISSN 0155-0128

# מעלבורנער בלעטער

## אינהאלט:


מ. א. — האָט קאָ־עקזיסטעץ אַ צוקונפט ? . . . . . . . . 1

ד״ר מ. פערשטענדיק — די יידישע שטעלונג קעגן דער געפאַר
פון נוקלעאַרער באַוואָפענונג . . . . . . . 2

הערשל באַכראַך — די בעלי רחמים אויף דרעזדען . . . . . . . . . 6

מאַרק ב. — 12טער אויגוסט 1952 . . . . . . . . . . 7

י. קאַפע — סימבאָליזם און סעקס אין ליטעראַטור . . . . . . 8

יאָני פיין — גוטע אורחים (ליד) . . . . . . . . . . 9

מ. אייזענבוד — קאַרל דולדיק — דער אייגנאַרטיקער סקולפטאָר . . . 10

ד״ר עזריאל נאַקס — ליטעראַרישע עסייען . . . . . . . . . . 11

משה קנאַפהיים — פראַנין קאַפקאַ (לעגענדע־לידער) . . . . . . . . 14

י. מ. לעווין — מאַריאָנעטן־שפיל (ליד) . . . . . . . . . . 14

מ. אייזענבוד — עפּאָפּיי פון הערצאיזם . . . . . . . . . . 15

מלך ראַדזינער — די באַלאַדע פון וואָגן . . . . . . . . . . 18

מעם — פאַרבייגייענדיק . . . . . . . . . . 19

ש. בענעט — לאָקאַלע קאָמענטאַרן . . . . . . . . . . 19


פרייז פון נומער $1.50


אַרויסגעגעבן דורך דער „קדימה״ אין מעלבורן, אויסטראַליע

מעלבורן נר. 4 (38) אויגוסט־סעפטעמבער 1983